STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02778

HOLEM UN VAHR

Sara Reisen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שרה רייזען.

חלום און וואהר.

פערלאַג „פראגרעס".

ווארשא. ניו-יארק.

תרע"א — 1911

Типографія Ф. Бауммриттера, Красинская пл. № 6
ВАРШАВА 1911 г.

אינהאַלט:

I	דער מלאך פון גליק.	5
II	אונפערגעסליכקייט.	11
III	חלומות.	17
IV	פון דער אַלטער וועלט.	23
V	טויט און לעבען.	31
VI	אָהן שאלות.	41
VII	ערוואַרטונג.	47
VIII	דער גאַסט.	59
IX	ערינערונגען.	67
X	נאָך יום־טוב אין שטעדטיל.	78
XI	אין אַ פריהלינגס־אָווענד.	81
XII	אַנ׳אומזיסטער נאַכטלעגער.	85
XIII	די השגחה.	91
XIV	אַנ׳ערב שבועות.	97
XV	קוואַרטיראַנטען.	103
XVI	דאָס גרויסע געווינס.	109

14/17
11-29-13

דער מלאך פון גליק.

דער מלאך פון גליק.

(אַ מעשה'לע).

און דער בורא איז געזעסען אויף זיין כסא־הכבוד און האָט צופרידען געקוקט אויף זיין נייַ בעשאַפענער וועלט.

אַרום דעם כסא־הכבוד האָבען מלאכים געשוועבט און האָבען דעם בורא שירה געזונגען, און איבער דער יונגער נייַער ערד איז דער מלאך פון גליק געפלויגען און האָט בעגריסט און געבענשט אַלץ, וואָס דער בורא האָט בעשאַפען אויף איהר.

יונג איז געוועזען די ערד, ריין און אָהן זינד. אָהן שלעכטע מחשבות האָט דער וואָלף נאָכגעקוקט די שאָף, און דער לייב האָט נישט געזוכט זיין שפייז אין פלייש און אין בלוט.

און דער מלאך פון גליק איז געפלויגען וואַלד איין, וואַלד אויס אונטער דעם בלויען, דורכזיכטיגען הימעל, איבער דער נייַער יונגער וועלט, אָבער קיינער האָט איהם נישט גערופען, קיינער האָט איהם נישט בעדאַרפט.

און לאַנג איז ער אַזוי געפלויגען, ביז ער האָט אַ שענעם גאָרטען דערזעהן מיט יונגע, וואונדער־הויכע בוימער. אויף די שפיצען פון די בוימער האָט דער בלויער הימעל גערוהט, און פויגעלעך האָבען זיך געוויעגט אויף זייַנע לאַנגע שווערע צווייַגען, און זיי האָבען בעגריסט די ערד מיט זייער געזאַנג און צופריעדענהייט.

און אין דעם שענעם גאָרטען, צווישען די שווערע צווייַגען, פערהילט אין הויכען גרינעם גראָז זענען זיי ביידע געזעסען.

זי איז בעשאַפען געוועזען פון זיין ביין, און דאָך איז זי שענער געוועזען פון דעם שענסטען שטערן אין הימעל.

בעשאפענדיג זי, איז דער בורא ענטציקט און בעגייס־
טערט געווען, ער האט אין זיך דערפיהלט קראפט נאך פיעל
וועלטען צו שאפען.

און זי איז געזעסען דעם קאפ אין די הענד, און צווי־
שען איהרע פינגער האט א טרעהר ריין ווי קריסטאל געפינקעלט.
דאס איז געווען די ערשטע טרעהר, וואס די פרוי האט
בעשענקט די ערד, און די ערשטע טרעהר, וואס דער מלאך
פון גליק האט אין דעם מענשענס אויג דערזעהן.

און דורכגענומען מיט מיטגעפיהל, האט דער מלאך צו
דער פרוי געזאגט:

— גרויס מוז זיין דיין צער, ווייל דו האסט דיין אויג
מיט טרעהרען בענעצט, און מיט טרויער האסטו געמאכט דיין
שטים. דערצעהל מיר דיין וועה, איך וועל דיר העלפען, ווייל
איך בין דער מלאך פון גליק.

— גליק? — האט זי פערוואונדערט געפרעגט, — פארוואס
האב איך פון דיר קיינמאל נישט געהערט, און פארוואס ביזטו
פריהער נישט געקומען, פריהער איידער איך האב דעם עפעל
פערזוכט? איצט בין איך פערשאלטען, פערשאלטען! און מיין
קללה וועלען מוזען געניסען אלע מיינע קומענדע דורות, און
איבער זיי אלעמען וועט געוועלטיגען דער טויט. אלטקייט און
טויט, קראנקהייט און שמערץ וועט מיין קללה ברענגען דער
וועלט. און איך אליין פיהל, ווי איבער מיין קאפ שוועבט
שוין אום דער מלאך פון טויט.

און עס וועט קומען א טאג, ווען די וועלט וועט זיין
פול, ווי איצט מיט זון און גלאנץ, וועט קומען דער טויט און
וועט זאגען שטרענג: „גענוג". ער וועט מיר פערשליסען די אוי־
גען, פערקיהלען מיין אטעם, און וועט מיך אבגעבען דער
ערד, דער קאלטער ערד! דעם שרעקליכען מלאך פון טויט.
און אזוי וועט זיין מיט יעדערן, מיט יעדען קינד מיינעם, וואס
וועט קומען אויף דער ערד. אויב דו קענסט דעם מלאך פון
טויט פערניכטען, וועל איך פרעהליך מאכען מיין שטים, און

קיין טרעהר וועסטו מעהר אין מיין אויג נישט זעהן. דאן וועל איך דיך בעגריסען און רופען מיין אויסלייזער.

און אומעטיג־שטיל האט דער מלאך פון גליק געזאגט:

פערניכטען די קללה פון בורא האט ער קיין שליטה נישט, אבער ער וועט איהר געבען רוה און צופרידענהייט אין די טעג, וואס זי וועט זיין אויף דער ערד.

אין זי האט ווידער געענטפערט מיט שטילען וועה:

— עס זענען מיר אבגעצעהלט טעג צום לעבען, און ביים סוף שטעהט דער גרוידאמער מלאך, און אלע טאג שרעקט ער מיט זיין קומען, און מיט אלץ אוועקרייבען פון מיר. אט וועט ער קומען... אט קומט ער...

און שטיל א פאך טהוענדיג מיט זיינע ווייסע פליגלען, האט דער מלאך פון גליק פערלאזען די פרוי, און איז ווידער איבער דעם גארטען געפלויגען — דא האט ער דעם שלאנג דערזעהן.

א פערשאלטענער, איז זיין הארץ געוועזען פול מיט האס, און זיין בליק פול מיט צארן, עלענד און וועה. ארום די ווינקלען פון זיין מויל איז א גיפטיגער שוים געשטאנען, און זיינע ליפען האבען מיט קללות געשיפעט.

און אראבלאזענדיג זיך איבערן שלאנג מיט זיינע ווייסע פליגלען, האט דער מלאך פון גליק צו איהם געזאגט:

— עלענדער קעמפפער! דו טהוסט מיר לייד. איך בין געקומען דיין צארן שטילען, דיין האס פערטריבען און דיין פער־צווייפעלטען בליק העל מאכען. איך וועל דיר געבען גליק, וויל איך בין דער מלאך פון איהם.

— ביזט מיך טרייסטען געקומען? — האט שטורמיש ווילד דער שלאנג געלאכט. און פון זיין לאכען האבען די ביי־מער געשוידערט און ס'זענען האסטיג די פירות געפאלען פון זיי. און מיט ווילדען צארן האט דער שלאנג געזאגט:

— דו ביזט גליק, אבער מיר קענסטו ווייניג געבען, איך פאדער גרעסערס, ווי דו אליין פערמאגסט. אבער ווען דו ווילסט און קענסט מיר העלפען פערניכטען אלץ, וואס איהם געהערט. דאן ביזטו מיר ברודער, איך גיב דיר מיין האנד,

— אויף דעם האָב איך קיין שליטה נישט.

— קיין שליטה נישט! — האָט געדונערט דעם שלאַנגס געלעכטער, דורכגעוועבט מיט צאָרן, האַס און פערצווייפלונג.

און אין דעם זיבענטען הימעל האָט זיך פון דעם דאָזי־גען געלעכטער דער כסא־הכבוד געטרייסעלט — דאָס האָט גע־צאָרנט דער, וואָס איז געזעסען אויף איהם...

און ווידער איז דער מלאך פון גליק איבער דער נײַ בע־שאַפענער ערד געפלויגען, און האָט פאַר זיך אַנ׳אָרט געזוכט, אָבער קיינער האָט איהם נישט גערופען צו זיך. שטיל איז גע־ווען אויף דער ערד, און מיעד און דערשלאָגען איז ער צו־ריק אין הימעל געפלויגען און פאַר דעם כסא־הכבוד געפאַלען. אַלע מלאכים פון הימעל האָבען איהם אַרומגערינגעלט, און ער האָט זיי מיט וועה דערצעהלט, אַז אויף דער נייַער ערד האָט ער פאַר זיך קיין אָרט נישט געפונען. ער האָט שטיל געוויינט. און אַלע מלאכים, זײַנע ברידער, האָבען איהם געטרייסט אין זײַנע טיעפע ליידען. און דורכגענומען מיט צער פון זייער מיע־דען ברודער זענען זיי אַלע פאַר׳ן כסא־הכבוד געפאַלען, און האָבען אַלע דעם בורא געבעטען, ער זאָל דעם מלאך פון גליק נית שיקען אויף דער ערד.

דער בורא האָט געגעבען זײַן וואָרט, — און ס׳איז געב־ליבען די ערד אויף אייביג אָהן גליק...

אונפערגעסליכקייט.

אונפערגעסליכקייט.

אויסער די פיעל מענשען, וואָס האָבען געוואוינט אין דער
שטאָדט און צווישען וועלכע פיעל זעזען געווען געפּלאָגט פון נויט,
ערנידעריגט פון דחקות, זענען דאָ אויך געווען רייכע מענשען,
וואָס זייער לעבען איז געפלאָסען אַזוי לייכט, ווי דאָס וואַסער פון
אַ טייך, וואָס ליעגט אין אַ געלען זאַמדיגען גלאַטען דעק.

אָבער רייכער און גליקליכער פון די אַלע איז דאָרט געווען
איינער אַ מענש. דעם נאָמען זיינעם איז איבעריג אָנצורופען. די
שטאָדט האָט איהם גערופען „דער גליקליכער.“

ער האָט געוואוינט אין אַ שענעם הויז מיט גרויסע פענסטער,
דורך וועלכע די אויפגעהענדע זון פלעגט שיקען גאַנצע בונטען פון
איהרע שטראַהלען, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דאָס דאָזיגע
הויז איז געווען אַרומגערינגעלט פון אַ גרויסען געדיכטען גאָרטען
מיט שאָטענדיגע בוימער, הויכע און אַלטע...

דער דאָזיגער גליקליכער מענש האָט אַ ווייב געהאַט.

מ׳זאָל וועלען בעשרייבען די שענהייט, וועט איהר זי דורך
ווערטער נישט קענען בעגרייפען.

מיר וועלען זאָגען — זי האָט געהאַט שוואַרצע גליהענדיגע
אויגען, שוואַרצע, ווי די טיעפסטע און אַלטע נאַכט, וועלכע האָ-
האָבען געלויכטען ווי די אויפגעהענדע זון, — וועלען דאָך די
דאָזיגע ווערטער ווייניג איבערגעגעבען דעם רייץ פון איהרע זאָג-
דערבאַרע אויגען... און די האָהר? און דעם גלאַנץ פון איהר
געזיכט... דעם צויבערקלאַנג פון איהר שטים... — שוואַך זענען
ווערטער צו מאָלען די שענהייט!...

איז געוואָרען קראַנק די דאָזיגע פרוי.

די סיבה דערפון איז געווען אונבעוואוסט. איהר מאן „דער גליקליכער” האט זי זעהר אָבגעהיט, און אַ שלייער פון טרויער האט בעדעקט דאס הויז פון „דעם גליקליכען”...

די קראנקע איז געלעגען און האט אַ שווייגענדיגע געקוקט אויף איהר היים־געליעבטען מאן...

בלאס איז זי געווען — קאלטע הענד מיט בלויע פאסען אונ־טער די נעגעל און דורך דער צארטער ווייסער הויט פון געזיכט האט שוין ארויסגעקוקט דער קאלטער שמייכעל פון טויט...

מיט דיקען טרויער זענען געווען די טעג פערשטעלט פון דעם אלמן, זיי האבען זיך געצויגען פאמעליך און שווער, ווי וואלקען אין אַ קאלטען הערבסט־טאג. אין דעם צימער, וואו דער טויט האט זיין ווייבס אויגען געשלאסען, האט דער אלמן געטאגט און גענעכטיגט. און ביינאכט, אין שווערער ביינקשאפט, פלעגט ער קושען די לופט און זי אומארמען, זעהענדיג פאר זיינע אוי־גען נאר זיין יונגע פרוי...

און פאמעליך זענען געגאנגען די טעג, געגאנגען, זיך גע־ביטען און אין חדשים זיך געפאסט...

דער אלמן האט פון דער פערשטארבענערס צימער נישט געוואלט ארויס. און קיינער — קיינער האט נישט געוואגט אריינ־קומען צו איהם כדי נישט צושטערען דעם טרויער פון זיין הארץ...

איינמאל — אין דרויסען איז דאן פריהלינג געווען, בלומען האבען געבליהט, פייגעל האבען געזונגען, און די ערד, דעם פריהלינגס געליעבטע, האט מילד און טרוימעריש צום הימעל געשמייכעלט און האט מיט איהר חתנ'ס מתנות קאקעטירט...— דאמאלס האט דער אלמן מיט שוידער און אימה גענומען בעמערקען, אז אין הארצען ווערט ביי איהם ליידיג, פוסט, דער וועהטאג פון אומעט ווי שטומפפער. און דאס איז פאר איהם געווען שרעקליך. ווייט פון מענשען, פון לעבען, האט זיך מיט יעדען טאג אלץ אין אַ געריכטערן נעבעל דער אומעט פערוויקעלט, און מיט שוידער האט דער אלמן געפיהלט, ווי דער אומעט פערשווינדט. און ער האט אַ מיטעל געזוכט...

און מיט אַמאָל האָט זיך איבערן שטאָדט פערשפּרייט , אַז דער אַמאָליגער גליקליכער קעהערט זיך אום צום לעבען און מאַכט אַ גרויסען מאָהל־צייט .

אין יום־טוב'דיגע קליידער איז דער גליקליכער צו די געסט אַרויס . ער האָט גאָרנישט דערצעהלט , וועניג גערעדט , נאָר די געסט האָט ער געבעטען פרעהליך זיין , און די אַלטע ווייגען פון זיין קעלער האָט ער געהייסען דערלאַנגען . . .

און דורך די אָפענע פענסטער , וואוהין עס האָבען זיך די לוסטיגע קלאַנגען פון די פידלען געטראָגען , צוזאַמען מיט'ן אָטעם פון פריהלינג , האָט זיך צוריקגעקעהרט דער אומעט . דורך די קלאַנגען פון דער מוזיק האָט דער אומעט צוריק זיין וועג געפו־נען . און מיט איבערגעגעבענקייט פון אַ הייסען געליעבטען איז איהם דער אלמן אַנטקעגען געגאַנגען . און אין אַ ווילדען טאַנץ איז ער אַוועק . „אַליין טאַנצט ער , אַליין —“ האָבען בעוואונדערט די געסט , — און זיי האָבען נישט בעמערקט און נישט געקענט בעמערקען דעם גרויסען טרויער , וואָס איז צוריקגעקומען צו איהם אין האַרץ .

און הינטער די פענסטער , אין איהרע ווייסע קליידער , גע־הילט אין נאַכט , איז זי געשטאַנען , זיין געליעבטעס ווייב , און האָט שטיל געפליסטערט .

„איך דאַנק דיך , מיין ליעבסטער , וואָס דו זוכסט די אונ־פערגעסליכקייט .“

חלומות.

חלומות.

ס'איז געוועזן פריהלינג. דער טאג האט בעדארפט זיין א ליעבער. פון פייגעל בעזונגען און פון שטראהלען פון גינגאלד בעקרוינט.

אבער דערווייל איז נאך נאכט געוועזן און אלץ האט געשלאפען, פון נאכט פערוויעגט און פון טרוימען פערלאקט, און יעדער האט זיין טרוים געהאט.

דער בלויער ים האט געחלומ'ט פון דער שענער בת־מלכה וואס האט ביי איהם אין תהום אין די פאלאצען פון מרימעלשטיין געלעבט, וואוהין זי פלעגט פערלאקען יונגע ריטער מיט אויגען נאך שווארצערע פון דער אייביגער נאכט און הייסער פון דער ברענענדיגער זון.

און דער פרינץ פון רייכען שלאס, וואס האט אויפ'ן וואהר פערמאגט אוצרות פון גאלד, כבוד פון מענשען און יוגענד פון גאט, האט אין חלום אין נאהענטען וואלד געריטען אויף א שווארצען פלינקען פערד. דורך די געדיכטע הויכע וואלד־ביימער האט אריינגעקוקט א בלויער נאכט־הימעל, בעצירט מיט קליינע שטערען. צוויי וואלקען זענען איבערן הימעל געהאנגען — און אויגענבליקליך האבען זיי זיך פונאנדערגערוקט ווי א טיר פון א געצעלט, — און ס'איז א פרוי ערשינען.

א שטראהלענדיג געזיכט, דער לייב פערדעקט מיט לאנגע גאלדענע האהר — מיט זונען־גלאנץ — איהם דערזעהן, האט זי די האהר הינטער די אקסלען פערווארפען, און צו איהם האט זי אויסגעשפרייט ווייסע הענד און ווי א מלאכים־געזאנג האט ער ווערטער דערהערט:

„דיך האָב איך ליעב.“

דער הימעל מיט די שטערען האָבען זיך אונטער איהרע פיס געלעגט און זי האָט זיך געצויגען צו איהם מיט איהר שטראַה־לענדיגען קערפּער:

„דיך האָב איך ליעב.“

אין טייך, וואָס האָט אַרומגערינגעלט דעם שלאָס, האָט אַ שוואַן געלעבט, אַן אַלטער שוואַן. דאָך זענען נאָך אַלץ געווען בלענדענד־ווייס זיינע פעדערן און רייצענד־שען זיין שלאַנקער האַלז.

נאָר פול מיט פּיין און לייד זענען געווען די פריהלינגס־חלומות פון זיינע אַלטע טעג:

דעם טייך האָבען אַרומגערינגעלט אַ מחנה פייגעל און איי־נער פון זיי, אַ שטאַרקער, אַ בייזער האָט איבערן גאַנצען טייך צולעגט זיינע צוויי אונגעדליבע פליגלען, אַזוינע האַרטע, און מיט זיין דאַרען שפּיציגען שנאָבעל, ווי אַ חלף, האָט ער איהם זיינע ווייסע פעדערן געשניטען, און די הונגעריגע מחנה פויגעל האָבען די פעדערן געשלונגען שנעל און גיריג. דערנאָך האָבען זיי זיך צוזונגען מיט שווארצע שטימען, און צווישען די אַלע האָט, ווי אַ האַרמאַטען־שאָס, דעם בייזען פויגעלס קול געדונערט:

„דיין ליעד זינג אונז אויס! דיין ליעד זינג אונז אויס!“

מיעד פון דער גרויסער שטאָדט און פון דער גרויסער נויט האָט געשלאָפען און געחלומ׳ט אַ יונגעם מיידעל... עס האָט זיך אויפגעעפענט דאָס קליינע הילצערנע טירעל און ס׳איז אַריין אַ מאַן. ער איז געווען שלאַנק, מילד און חנ׳עוודיג.

—יאָ,—האָט ער זיך געבויגט צו איהר, געדריקט זי צו זיין ברייטער, פעסטער ברוסט,—דו ביזט גענוג שען, יונג און אפילו קלוג, נאָר וואָס פאַר אַ שמאַטעס עס בעדעקען דיין שענעם יונגען

קערפּער. חאַ — חאַ — חאַ! די נאַכט דאַרף זיך שעמען...

ער האָט אַלץ געלאַכט און דערביי האָבען געפינקעלט זיינע ווייסע ציינער, אַזוי מילד און ליעבליך...

— אָבער איך בין גענוג רייך, — האָט ער ווידער גערעדט און האָט צו איהר מיט ליעבע געשמייכעלט.

— איך האָב שענע צימערן! אַלץ פערמאָג איך! געזוכט אַלץ דיך! יעצט קום!

אין דעם גרויסען הויז מיט די פענסטער אין גראַטעס האָט אַ יונגער פערברעכער, וועלכען מען האָט בעדאַרפט אין דעם קומענדיגען פריהלינגס-טאָג הענגען, אויך גע'חלום'ט:

ס'איז אַריין זיין ברודער און האָט צו איהם מיט ווילדען גרימצאָרן געשריען:

— גרייט זיך, די תליה איז פאַרטיג...

הינטער דער טיר פון זיין פערשאָלטענער קאַמער האָבען אויף איהם געוואַרט נאָך מענשען, וואָס האָבען בעדאַרפט איהם צו דער תליה פיהרען... ער האָט אָבער נישט געוואָלט, מיט אַמאָל איז ביי איהם טייער געוואָרען דאָס ענגע קאַמערל, דאָס קליינע פענסטערל מיט די געדיכטע גראַטעס, און ס'איז געווען שווער צו שיידען זיך. און ער איז געפאַלען צו די פיס די, וואָס זענען געקומען איהם נעהמען צו דער תליה, האָט ער געוויינט און געבעטען, אַז מ'זאָל איהם לאָזען אייביג אַזוי זיצען אין געפענגניש, נאָר ער זאָל טאָטש האָבען די מעגליכקייט צו זעהן די זון און דורך די דיקע ווענד פיהלען דעם פריהלינג און פיהלען, אַז ביי איהם איז וואַרים דאָס בלוט, און עס שלאָגט דאָס האַרץ, און זעהן דורך די הויכע גראַטעס דעם בלאָהען ראַנד פון הימעל.

אָבער אַלץ איז געווען אומזיסט, און אַז ער איז שוין אויף דער תליה געהאַנגען, זענען געקומען די אַלע, פאַר וועמען ער האָט גליק געזוכט..

זיי זענען שטעהן געבליבען, האָבען אַרויסגעלאָזען קורצע זיפצען, און זענען ווידער געגאַנגען זייער וועג.

אין דעם הויכען הימעל זענען דיקע וואָלקען געהאַנגען, גרויע און דיקע.

פון די וואָלקען איז אַנ׳אָדלער געקומען צו פליהען.

— פאַרוואָס האָסטו דיין לעבען געשענקט? — האָט ער געפרעגט, דערוועהענדיג די טיעפסטע לייד אין דעם פערברעכערס אויג.

— איך האָב יושר געזוכט און גליק פאַר עלענדע.

— ביזטו אליין עלענד געבליבען, — האָט געשפאָסט דער אָדלער.

— און פאַר וועמען, פאַר זיי? — האָט ער ווידער געפרעגט.

— פאַר די...

ער האָט אָנגעוויזען אויף אַ פּאָר דורכגעהער, וואָס זענען ביים תליה געשטאַנען..

— פאַר יענע קליינע פון דער ערד.

— פאַר יענע...

— פאַר די קליינע פון דער ערד?!

עס האָט אָנגעהויבען שטאַרק קלאָגען דעם פערברעכערס הערץ.

ער נעהמט שוין גוסס׳ן — האָט זיך דערשראָקען דער אָדלער, האָט אָנגעשטעלט זיינע פליגלען, און האָט געזאָגט:

איך וועל דורכהאַקען די דיקע שווערע וואָלקען און מיר וועלען פעשווינדען וויט און הויך פון דער ערד!...

ס׳איז אָנגעקומען דער טאָג, ס׳האָבען העהנער געקרעהט און די זון גערופען. און די חלומות, די אייביג יונגע קינדער פון דער נאַכט, האָבען זיך אַרויפגעזעצט אויף איהרע פליגלען און אַלע אוועקגעאײַלט אין דער ווייטער הײם, אין מדבר פון דער נאַכט.

פון דער אלטער וועלט.

פון דער אַלטער וועלט.

I

פון דער חתונה אָן איז דאָס לעבען געגאַנגען כמעט אויף איין שטייגער, מיט דעמזעלבען גאַנג.

איין רעפּערטואַר פון וואַרמעסען און וועטשערעס, פון צימעסען און טשאָלענט, פון שטענדיגע מאכלים.

אין די יונגע יאָהרען איז כמעט אַלע צוויי יאָהר געבוירען געוואָרען קליינוואַרג. און עס זענען געווען ברית'ן מיט מזל-טוב'ם — און אַזוי האָט זיך אין שטוב אָנגעזאַמעלט אַ געזינדעל פון זאַלבע-אַכט. עס זענען געגאַנגען טעג, געשווינד, פאַמעליך, אָבער זיי זענען געווען אונבעמערקט.

נאָך פסח איז געווען אַ זמן ביז סוכות, און נאָך סוכות — ביז פסח... און מיט די זמנים האָט מען געלעבט. פלעגט זיין אַ גוטער זמן, — פלעגט מען מאַכען העמדליך דעם געזינדעל, פלעגט מען מאַכען בגדים'ליך אויף די יום-טובים, פלעגט מען זיך אַליין אַרומזעהן מיט אַ שוך און אַ קלייד. שעיה-וועלוועל איז געווען אַ בעל-הבית און דערצו האָט ער נאָך שטענדיג געוואָלט, אַז זיין נאָם זאָל טאַקע אויך וויסען, אַז ער איז אַ שענער יוד און צוליעב דעם פלעגט מען טאַקע אַנ'איביג מאָל דאַרפען נעהמען אַנ'אָרימאַן אויף שבת און אָפט דאַרפען שטאַרק „קנייפּען די באַק". און זיין ביילע איז דאָך געווען די גרויסע בעל-הבית'טע. איהרע חלה אין די בלעכענע פורימס, אונטערגעשמירטע מיט בוימאייל, אַזוינע שמעקעדיגע, פערברוינטע!

שעיה-וועלוועל פלעגט שטענדיג לויבען ביילעס חלה; ער פלעגט זיי לויבען פרייטאָג צו אָנבייסען, שבת צו דער דרי-

טער סעודה און אפילו זונטאג, ווען ס'פלעגט נאך פאר איהם בלייבען א שטיקעל אקרייעץ צו פערטרינקען מיט א גלעזעל ציקאריע. און דערפאר פלעגט ביילע אלע פרייטאג, ארויסנעה־מענדיג די חלה, צוטראגען שעיה־וועלוולען איינע פון זיי ווע־זען ; אויסקלויבען פלעגט זי געוועהנליך נאר די גראטענסטע. שעיה־וועלוועל פלעגט דעמאלט לאזען אין מיטען לערנען, בע־האלטען דאס טייטעל צווישען אויער און מיט אויגען פון א מבין פלעגט ער בעטראכטען די הייסע שמעקענדיגע חלה, וואס פלעגט ארויסרופען אפעטיט און ברייגנען צום געדאנק, אז ווען מען זאל פערמעגען טאקע אויפעסען אזא וואַרימע טרוקענע חלה, און נאך מיט א גוטען קרופניק, דארף מען דאך טאקע קיין לויתן נישט!

די יונגליך, וואס פלעגען זיצען ארום טיש און פויל זיך צוהערען צו דעם רבי'ס טייטשען, פלעגען מיט פרעהליכע און נייגיריגע אויגעליך זיך צוקוקען און צוהערען, וואס דער רבי וועט זאגען און טהון.

און שעיה־וועלוועל פלעגט האלטען די חלה מיט די שפיץ פינגער און הויבען זי פארזיכטיג הין און צוריק. און דערנאך פלעגט ער אויסרייען צופרידען:

— זעהר געראטען, גרינג ווי א פעדער.

דעמאלט פלעגט דאס ווייב צונעהמען די חלה, אויך מיט א צופרידענעם שמייכעל, און אוועקטראגען צוריק אין מולטער.

און איבערן קליינעם שטיבעל פלעגט ווידער פערקלינגען שעיה־וועלוועלס האלב־הייזעריגע שטים, וועלכער עס פלעגען אקאמפאנירען די דינינקע שטימעליך פון די יונגליך:

— וידבר — האט גערעדט, ד' — גאט, אל — צו, משה — משה...

II

אזוי זענען געגאנגען די טעג געשווינד, פאמעליך, אבער זיי זענען געווען אונבעמערקט.

עס זענען אויסגעוואַקסען קינדער און האָבען זיך געלאָזט אין דער ווייטער וועלט אַריין זוכען חיונה, גליק. דאָ איז אַ זוהן אַוועק דינען, און ס'איז געווען חתונה ביי דער עלטסטער טאָכטער. און דאָס געזינדעל איז געוואָרען קלענער. אַ פּאָר זענען קיין אַמעריקאַ געפאָהרען. מען האָט זיך צוזייהט איבער דער גרויסער וועלט.

און אונבעמערקט זענען געפלויגען די טעג, און אונבעמערקט איז שעיה־וועלוועלס שוואַרצע באָרד גרויער געוואָרען. ביי ביילען פלעגען זיך אויך אָפּטמאָל אין אַנ'ערב־יום־טוב צי אין אַנ'ערב־שבת, ווען זי איז געווען שטאַרק פער'עסק'ט, אַרויס'גנב'ענען אַ פּאָר גרויע האָהר פון אונטער דעם שייטעל, אָבער דאָס איז אַלץ געווען אונבעמערקט. פאַראויס זענען נאָך געווען אַזוי פיעל טעג — און צעהלען די פערגאַנגענע האָט זי גאָרנית געוואָלט!

ס'האָט חתונה געהאַט די יונגסטע טאָכטער און איז גלייך נאָך דער חתונה אָבגעפאָהרען קיין אַמעריקאַ אינאיינעם מיט'ן מאַן, וואָס איז נאָך געווען אַלט 19 יאָהר און האָט געדאַרפט געהן דינען און נישט געוואָלט. יענעם טאָג איז ביי שעיה־וועלוועלען אין שטוב יאָ געווען, וואָס צו מערקען: דאָס בעט איז געווען ליידיג — עס האָט געפעהלט די הויכע וואַנד פון די צוויי קישענס, וואָס ביילע אַליין האָט אָנגעפליקט פאַר איהר מיזינקעלע, און מיט דער מיזינקעלעס אַרויסטריט פון שטוב איז עפּיס גלייך אַריינגעטראָטען דאָס עלטער.

— אָט זענען מיר געבליבען, ביילע, „דיעד דאָ באַבאַ“,— האָט שעיה־וועלוועל געזאָגט מיט אַנ'אומעטיגען שמייכעל.

אין וואונדערבאַר, כמעט ווי ערשט דעמאָלט האָט ביילע דערזעהן, אַז ביי שעיה־וועלוועלען פעהלען די פאָדערשטע צייהן, און דאָס מאַכט איהם בעזונדער אַלט...

יענעם טאָג האָט שעיה־וועלוועל נישט געלערנט מיט די קינדער.

ער האָט זיך אַרומגערינגעלט מיט זיינע ספרים און האָט אין זיי עפּיס פאַר וואָס זיך געזוכט...

ביילע איז געגאַנגען צו דער עלטערער טאָכטער און, ווען

זי איז געקומען אין אָוועגד אהיים, איז שוין שעיה־װעלװעל געװען רוהיג, ווי שטענדיג.

און ווידער זענען אװעק טעג, זמנים פון סוכות ביז פסח, פון פסח ביז סוכות. די הוצאה איז געװאָרען קלענער, אָבער די צאָהל קינדער איז אויך ביסליכווייז געװאָרען קלענער.

אָבער אַלץ איז נאָך שעיה־װעלװעל געװען ביי זיך בעל־הבית, אַלץ האָט ביילע געבאַקט די גוטע, שמעקעדיגע פורים־חלה, און דאָס לעבען איז זיך געגאַנגען, ווי געװעהנליך, און האָט אונבעמערקט געצעהלט די טעג.

יענעם פריהמאָרגען איז שעיה־װעלװעל אויפגעשטאַנען גראָד שפּעטער. „האַ! ביילע איז מסתמא אַװעק אין קלייטעל" — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט. אָבער באַלד האָט ער דערזעהן, אַז ביילע ליעגט און שלאָפט גאָר, שלאָפט.

פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט געלעבט מיט זיין ביילען, האָט ניט געטראָפען, אַז ער זאָל פריהער אויפשטעהן. „דאָס איז נישט גלאַט" — האָט איהם דערשראָקען אַ געדאַנק.

— ביילע, דו שלאָפסט? — האָט ער געפרעגט, און זיין שטים האָט געציטערט.

קיין ענטפער איז ניט געװען.

שפּעטער, ווען ס'איז אויפגעקומען אַ פולע שטוב מענ־שען, און ביילע איז געלעגען אויף דער ערד אונטער דעם שװאַרצען געװאַנד, האָט שעיה־װעלװעל דערצעהלט מיט זיין ציטערנדער שטים:

— אַ פרישע, אַ געזונדע זיך נעכטען געלעגט שלאָפען. װער זאָל קלערען, און װער זאָל זיך ריכטען אויף אַזאַ אומגליק!

— די עלטערע יאָהרען! — האָבען אַלע גערעדט אין איין קול, ווי זיי װאָלטען װעלען טרייסטען: װיפיעל דאַרף מען — אַ מענש און אַ פליג איז אַלץ איינס...

III

נאָך ביילעס טויט זענען די טעג שוין אַװעק ווי ניכער,

און יעדערער פלעגט מיט זיך וואס ברייגגען שעיה=וועלוולען. ווען ער האט נאך שבעה געגומען צוריק לערנען מיט די קינ= דער, האט ער דערפיהלט, אז ער הערט ניט, וואס די תלמי= דים ריידען, ער הערט ניט, ווי זיי טייטשען. די תלמידים האבען עס אויך בעמערקט. און צום צווייטען זמן איז קיין קנעלונג ניט געווען.

ס'איז געווען נאך פסח. עס האבען זיך בעגייט פעלד און וואלד. אלץ האט אויפגעלעבט אונטער דעם ווארימען אטעם פון פריהלינג. אלץ האט געהאפט אויף א ניי לעבען. שעיה=וועלוועל פלעגט זיצען ארומגערינגעלט מיט זיינע ספרים און אין קאפ, אין דעם אלטען מידען מארך פלעגען אויפשטעהן די אלע אבגעלעבטע, פערשוואונדענע טעג. אזוי פיעל זענען זיי געווען, אזוי פאמעליך זיך געצויגען — און דאך ווי גיך זענען זיי פערשוואונדען!...

„די קינדער פערפלויגען"... און אין דעם אלטען אוים= געלאשענעם אויג בעווייזט זיך א העלע פינקלענדיגע טרעהר.

„אין באגאדעל" — זאגען זיי אלע, זאגט די טאכטער. אבער ווי קאן מען דאס בעשליסען, ווי? יא, ס'איז שווער. די טאכטער איז ארים, זי קאן מיט גארנישט העלפען. אבער אז מען איז אב פערציג יאהר א בעל=הבית, — ווי קאן מען דאס ביי זיך פועל'ן! אין הארצען פליהט דורך א געפיהל פון קנאה צו ביילען: געשטארבען, ווי א בעל=הבית'טע, אויף איהר בעטעל, צווישען איינענע פיער וועגד. ער וועט אויפשלאגען עטליכע רובל, ער וועט אויך שטארבען אין איינענע תכריכים. אבער ווי קאן מען עס פועל'ן פערקויפען פאר'ן לעבען די ספרים! אזוי פיעל ספרים! דאס אויג פון זיין קאפ! נאך פאר א יאהרען האט ער צוגעקויפט עטליכע ספרים...

IV

די ספרים און די גאנצע ווירטשאפט האט צוגענומען די טאכטער.

שעיה־וועלוועל האָט איינגעפּאַקט זיינע עטליכע העמדער, גענומען דעם תנ"ך און אַ פּאָר גמרות.

ס'איז געווען אַ העלער פריהלינגס־טאָג, פול מיט זון און גלאַנץ. די גאַסען האָבען געראַשט פון מענשען. ס'איז געפלויגען דאָס לעבען אין זיין פולען גאַנג און האָט זיך גאָרנישט געוואָלט אָבשטעלען אויף דעם אַלטען גרויען שעיה־וועלוועלען, וועלכער איז געזעסען אין דרייען געבויגען און האָט זיך געזעגענט מיט דער שענער וועלט.

פאַרביי איהם איז דורכגעגאַנגען אַ יונגער מאַן מיט אַ פרוי אונטערן האַנד, און שעיה־וועלוועל האָט אין איהם דערקענט זיינעם אַנ'אַמאָליגען תלמיד...

עס האָבען זיך געצויגען גאַסען איינע נאָך דער אַנדערער,— און שעיה־וועלוועל האָט זיך מיט אַלץ געזעגענט, און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז אומעטום איז געבליבען אַ שטיקעל פון זיין „איך".

אויפ'ן הויף, וואו עס איז געווען די באָגאַדעל, איז אויך געווען דער שפּיטאָל און אַ הויז פאַר משוגעים — און נאָך הייזער, אָנגעגרייטע פאַר אונגליק, קראַנקהייט און טויט...

אויפ'ן הויף איז געשטאַנען די מטה, בעדעקט מיט שוואַרצען געוואַנד; עפּיס אַ יודענע האָט געריסען די האָהר, געקלאַפּט זיך אין קאָפּ, און איהר ניגון, דער ניגון, מיט וועלכען מען בעוויינט אַלע טויטע, האָט געשראָקען די שטילע פריהלינגסלופט...

שעיה־וועלוועלען האָט זיך געדוכט, אַז די יודענע איז דאָס זיין ביילע פון יענער וועלט, און אַז דאָס בעוויינט זי איהם, און לעבעדיגערהייד פיהרט מען איהם אין קבר...

פון הינטען איז געבליבען אַזאַ שעגע וועלט, אַזוי פיעל ספרים, אַזוינע טיעפע קלוגע ספרים, וואו מען קאָן אויף אַלץ געפינען אַנ'ענטפער, אַ תירוץ.

און מיט אַ קלאַפּענדיגען האַרץ און ציטערנדע פיס האָט ער איבערגעטראָטען די שוועל פון באָגאַדעל....

טויט און לעבען.

טױט און לעבען.

(סקיצע).

װינטער טױלען זיך די קלײנע הײזעלעך אומעטיגע, עלענדע, מיט פערשלאָגענע לאָדען, בעדעקט מיט שנײ. דער אַלטער געדיכטער װאַלד, אָנגעטהון אין װײַסען, אַקאָמפּאַנירט דעם כעס'דיגען װינד, װאָס טראָגט זיך, װי בעגלײט מיט מיליאַרדען רוחות פון דער ערד צום הימעל, פון הימעל צו דער ערד, טאַנצט דערבײַ װאונדערליכע טענץ, װאָס נאָר דער הימעל אַלײן זעהט צו, אַ שטומער און אַ װײַטער, און די מיליאַרדען רוחות הױבען דעם שנײ אין דער הױך, שפּרינגען און זינגען, טאַנצענדיג זײער טײַװעל־טאַנץ. דאַמאָלס רײַסט זיך אַרױס פון זײ דער װינד, שפּרײט זיך אױס איבער דער גאַנצער ערד און צעװײנט זיך שטיל־שטיל, װי אַן עלענד קינד. אָבער באַלד קריגט ער חרטה, דערשרעקט זיך פאַר זײַן שװאַכקײט, גיט אַ מעכטיגען שפּרונג אין דער הױך צום הימעל אַרױף. נאָך איהם לױפען די מיליאַרדען טײַװאָלים, דער קאַלטער שנײ, — אַלעס שפּרינגט און טאַנצט, לאַכט און װײנט און זינגט צוזאַמען.

בײַלע, װאָס האָט דאָס גאַנצע לעבען אין דאָרף אָבגעלעבט, הערט זיך װעניג צו צו דער גאָס־מעלאָדיע. זי געהט װעניג אַרױס פון שטוב פאַר אַ גאַנצען װינטער. ס'איז קאַלט. דער רעװמאַטיזם פון די פיס לאָזט נישט געהן אױף קעלט, און אפילו די בהמה ברײַנגט איהר משה אין שטוב אַרײַן. זי קען זיך קײנמאָל נישט בעקלאָגען אױף אַ שלעכטע „דאָליע", און װען זי װאָלט נאָר געלאָזט, װאָלט משה אפילו די קוה אױך אױסגע־

מאַלקען, אָבער בײלע גערט אויף דעם נישט אײַן:

— נײַן, דאָס װעל איך שוין אַלײן טהון, כל זמן די נשמה האַלט זיך נאָך אין גוף.

טהוט איהר משה דעם פערגניגען, און ברײַנגט איהר צװײ מאָל אין טאָג אַרײַן די קוה אין שטיבעל, װאָס האַלט נישט מעהר אין דער לענג, װיפיעל די קוה מיט דעם צעבער דאַרף האָבען. האַלץ טראָגט משה אױך אַרײַן אין שטיבעל, און װעגען װאַסער איז קײַן רײד נישט. נאָך פינסטער, װען די פראָסטיגע נאַכט נעהמט אַרום די קלײנע שטומע הײַזעליך און װיעגט זײ מיט די ליעדער פון װינד, שטעהט אויף משה און טראָגט אָן װאַסער. פאַר זיך מיט בײלען װאָלט ער װעניג בעדאַרפט, אָבער אַ קוה מוז טרינקען, און די קוה איז בײַ משה'ן און בײלען זעהר טײַער. מיט קינדער האָט גאָט זײ ניט געבענשט, נאָר געשטראָפט. עס זענען געבוירען געװאָרען קינדער אײנס נאָך דעם אַנדערן, יעדעם יאָהר אַ קינד — יעדעם יאָהר אַ ברית, אָדער אַ מזל-טוב, אָבער װעניג איז געהאַנגען דאָס קלײנע הענג-װיעגעלע צװישען די הילצערנע בעטען, אַ װאָך צװײ-דרײַ, אפילו קײַן חודש נישט, — און בײלע, בעקלאָגענדיג די יונגע נפש'ליך, פלעגט טענה'ן: „אפילו שבעה פערשפּאָרען זײ צו זיצען נאָך די יונגע פײגעליך". אײן יונגעל איז געװען מיט שװאַרצע שײנע אויגען, מיט אַ געקרױזטען קאָפּ האָהר. שטענדיג פלעגט בײלע דאָס דאָזיגע יונגעלע פיהרען מיט אַ בינדעלע זאַלץ אין העמדעלע, יעדען פרײַטאָג געװאָרפען פון דעם לעצטען געלד אַ פּטצעהן גראָשען אין פושקע פון ר' מאיר בעל-הנס, און אַזױ גאַנצע זיבען יאָהר. דאָס יונגעל האָט מען שוין אין חדר אָבגעגעבען, אין שטאָדט פלעגט איהם יעדען פריה-מאָרגען משה פיהרען מיט אַ האַרץ פול ליעבע און שמחה, װאָס גאָט האָט איהם פאָרט געהאָלפען, אַז ער װעט נישט שטאַרבען װי אַ שטײן, אַז ער װעט קדיש נישט דאַרפען האָבען קײַן געדונגענעם, אַז דאָס יונגעל נעהמט זיך אַזױ צום לערנען. אַז גאָט קען נאָך העלפען און ער זאָל אַ װאױל-לערנער זײַן, אײַנמאָל האָט זיך דאָס יונגעל פערקלאָגט, אַז איהם טהוט װעה דער קאָפּ. אונרוהיג זענען געװאָרען משה מיט בײלען, אָבער געשראָקען שטאַרק האָבען זײ זיך נישט. בײַ בײדען איז געװען אין האַרצען

שטאַרק דאָס געפיהל, אַז דאָס קינד איז זייערס, אַז ווי קען גאָט, וואָס ווייסט אַזוי פיעל חסדים, זיין צו זיי אַזוי האַרט און אָבנעהמען בּיי זיי די לעצטע טרייסט צו די עלטערע יאָהרען, ווען אויף נאָך קינדער קען מען שוין נישט האָפען, און ווען פון פריהער האָט ער זיי אַזוי געשטראָפט.

— מ׳האָט בעדאַרפט שיקען נאָך אַ פעלדשער, — האָט שטיל און קאַלט געזאָגט ביילע, וועלכע האָט זיך עפּעס אַליין געשראָקען מאַכען דערפון אַ גרויסען וועזען.

— עט, עס וועט איבערגעהן, — האָט משה זי בערוהיגט און האָט גאָט צעהן תעניתים גלייך אין האַרצען צוגעזאָגט.

אויף מאָרגען איז דעם יונגעל געוואָרען ערגער; אין גרויס היץ האָט ער זיך געוואָרפען פון איין זייט בעט אויף די צווייטע, האָט זיי אַזוי אום׳ברחמנות׳דיג געשראָקען מיט זיינע ווילדע פלוידעריי. האָט ער עפּעס אַ מענשען געטריבען פון זיך, האָט די מעשה מיט יוספ׳ן און די ברידער דערצעהלט, און אַז ביילע פלעגט זיך אָנבויגען צו איהם און פרעגען, וואָס איהם טהוט וועה, פלעגט ער אויף איהר אויסשטעלען זיינע צוויי שוואַרצע, פון היץ נאָך שוואַרצערע און פינקעלדיגערע אויגען, פלעגט זי אָנקוקען אַזוי פרעמד און פרעגענד, אַז ביילע פלעגט בלייבען ווי אָבגעשטאָרבען. דאָך האָט זי זיך פון וויינען אָבגעהאַלטען.

דער דאָקטאָר האָט געלאַסען און גלייכגילטיג געזאָגט משה און ביילען, אַז זייער קינד וועט האָבען אַ טיפוס.

— טיפוס? האָבען אונטערגעהאַפּט ביידע אין איין קול מיט אַזוי פיעל פערצווייפלונג אין די אויגען, גלייך ווי מ׳וואָלט זיי געזאָגט, אַז באַלד קעהרט זיך איבער די וועלט.

משה איז געשטאַנען, האָט צוגעהערט די אַלע רייד און האָט אין דער שטיל געבעטען גאָט, אַז אויב זיין ליעבען זוהן איז בעשערט דער טויט, זאָל ער עס אויסבייטען אויף איהם, אויפ׳ן טאַטען. ביילע אָבער איז געפאַלען דעם דאָקטאָר צו די פיס, האָט געקושט בפועל ממש זיינע הויזען און האָט געשריען, געבעטען, די האָהר געריסען, אַז ער זאָל ראַטעווען איהר קינד. זי האָט געשריען און דערצעהלט, אַז זי האָט אַ סך קינדער געבוירען, געהאָדעוועט, נישט געשלאָפען קיין נעכט, עס זענען

איהר די ברוסט איינגעדארט און זי האָט נאָר דעם איינעם, דעם איינעם... און אז אין צוויי טעג ארום איז דאָס יונגעל געשטאָרבען, און ס׳איז געלעגען שטיל, בערוהיגט פון די וועהטאָגען פון דעם קאלטען טויט, האָט משה נאָר געהאט מורא, אז ביילע זאָל חס־ושלום נישט פערלירען איהר פערשטאנד... און שטיקענדיג אין זיך די ברענענדיגע טרעהרען פון זיין טיפען אומגליק, איז ער נאָכגעגאנגען נאָך ביילען און האָט זי געטרייסט, האָט אויפגעזוכט אין זיין זכרון די גרעסטע אומגליקען, מיט וואָס די וועלט איז רייך און האָט זיי ביילען פאר א טרייסט געבראַכט.

— אז ביי שעיה־וועלוולען האָבען זיך אין איין טאָג צוויי זיהן דערטרונקען?

— זענען ביי אהים געבליבען נאָך דריי טעכטער, — האָט ביילע נישט געוואָלט הערען פון טרייסט. האָט משה געבראַכט נאָך אזוינע משלים, פּאָגראָמען, ווען מ׳האָט גאנצע געזינדען אויסגעהרג׳עט, האָט ביילע געזאָגט, אז בעסער וואָלט איהר געווען, אז גאָט וואָלט זי אויך צוגענומען פון דער וועלט... דערצעהלט איהר משה פון די יסורים פון איוב׳ן, פון זיינע גרויסע אומגליקען, ווען ער האָט זיהן און טעכטער פערלוירען... בלייבט ביילע שטיל, שאָקעלט צו מיט׳ן פּוס און פון די האַלבאויסגעוויינטע פערלאָשענע אויגען קייקלען זיך גרויסע טרעהרען, אָבער שווייגענדיגע, שטומע...

אין דעם וויטען הימעל בעווייזט זיך די פריהלינגס־זון און גלייך ערוואַכט דער אַלטער וואַלד. אין איין אויגענבליק וואַרפט ער אַראָב זיין ווייס ווינטערקלייד, טויטעס קלייד, און בעציירט זיך אין דאָס גרינע, אייביג יונגע, וואָס דער פריהלינג שענקט איהם... די פייגעל, צו׳ויפגעפלויגענע פון ווייטע לענדער זינגען אין וואַלד, אָדער דאָס רייערען זיי אַזוי און אונז קומט דאָס אויס, ווי א געזאַנג, זיי מאַכען נעסטען, צו געבוירען קינדער, זיי פיהרען ליעבעס. די נאַכטיגאַל גרייט צו אַ שענע וואוינונג פאַר זיין ווייב, וועלכע ער ערוואַרט מיט ליעבע און פריהלינגס־תאוה.

אויף די שויבען פון די קליינע הייזליך, וואָס טוליען זיך

איינס צו דעם אַנדערן נעבען דעם געדיכטען אַלטען וואַלד, שפּיגלען זיך די גאָלדענע שטראַהלען פון דער זון. די לאָדען זענען אויפגעמאַכט, מען קאַלכט און מען פּוצט זיי. באַלד וועלען אָנפאָהרען שטאָדט-איינוואוינער, אַנדערע נאָר בלויז צו שעפּען פערגעניגען פון דעם ליכטיגען זומער. אַנדערע וועלען קומען נאָר היילען זייערע קראַנקע לונגען מיט דער שמעקענדיגער ריינער לופט פון דעם סאָסנאָווען געדיכטען וואַלד, כדי חאָטש פּיעל-וועניג מאַכען לענגער דעם וועג, וואָס שרעקט זיי מיט טויט.

משה גרייט צו זיין הייזעל פאַר „דאַטשניקעס". גרויס איז עס נישט, אָבער דער געדיכטער שמעקעדיגער וואַלד, וואָס שטעהט דערביי נעבען איהם, גיט איהם אַ סך קונים און צוואַנציג רובל האָט ער פאַר איהם יעדען זומער. עס קומט אפילו אָן שווערליך דאָס לעבען אין פאָרהויז, איבערהויפּט אין סוף זומער, ווען די נעכט ווערען קאַלט און דורכגעמישט מיט רעגען, וואָס טריפט אַריין פון דעם שטרוי-דאַך מיט קאַלטע טראָפּען... אָבער דאָך איז צו גרויס די סומע, אַז זי זאָל לאָזען חאָטש איין ווייַלע האַלטען אין קאָפּ די מחשבה „אפשר נישט צו פערדינגען דאָס שטיבעל"?

און ביילע, נישט קוקענדיג, וואָס איהר קומט גאַנץ שווער אָן זומער צו שלאָפען אין דעם קאַלטען פאָרהויז פון וואָס דער „רעמאַטעס" לאָזט זי ממש נישט אָב, רעדט דאָך אויך צו צום פערדינגען:

— וואָס דען, אַ קינד וועט אונז געבען, — זאָגט זי מיט איהר שטענדיג פער'דאגה'טען טאָן.

משה שווייגט און טהוט זיינס. וועגען די קינדער האָט ער פיינד צו דערמאָהנען. „ער האָט געגעבען און ער האָט צוגענומען", טענה'ט ער צו זיך אַליין, נאָכמאַכענדיג איוב'ן.

שכנים זוכט ביילע גראָד ניט קיין רייכע און קיין גליקליכע. אַ קראַנקער מענש האָט אַ צובראָכען האַרץ און פיהלט אויך אַ צוויי-טענפּ וועה, מען קען זיך מיט זיי צונויפריידען, זיי הערען וואַרים אוים, שאָקלען בעדויערנד מיט'ן קאָפּ און עס ווילט זיך ריידען, ריידען, און דאַמאָלס קומט איהר אוים, אַז זי זעהט ווידער איהרע קינדער, איהר זיבען-יאָהריגען זוהן און זי רעדט עס נאָר מיט זיי...

פון כל המינים שפּייז שטעלט צו משה זיינע שכנים: אייער, פּוטער פון די נאָהענטע דערפער, מילך פון זיין אייגענער קוה, און אַלץ, ווייסען די שכנים, איז ביי איהם ראַיעל, ער האָט פיינד צו בערייסען, און לעבט זעהר גוט מיט זיינע „דאַטשניקעס". שבועות האָט ער ליעב צו בעפּוצען דאָס שטיבעל מיט גרינס. ס'איז נאָך איהם געבליבען אַ זכרון פון דער קינדהייט. אין דעם זעלבען שטיבעל האָט זיין טאַטע געוואוינט און יעדען שבועות פלעגט ער ברייגגען מאַי און בעהענגען די ווענד. יעצט טהוט ער דאָס אויך. גאַנץ פריה שטעהט ער אויף, ביילע באַקט חלה, זעצט עס צוזאַמען אין אויווען ביי דער שכנה, „וואָס דען יום־טוב וועט זי פערשטערען". משה טהוט אָן זיין לאַנגען סורדוט און לאָזט זיך געהן נאָך מאַי, מ'דאַרף דורכגעהן צום וואַלד און די גאַנצע גאַס, וואו די הייזליך שטעהען; דאָרטען ציהט זיך אַ לאַנגער וועג אין שטאָדט אַריין, אַ וועג אויסגעצוימט מיט אַלטע גרויע בעריאָזעס, וועלכע האָבען זיך לכבוד שבועות אין גרינע פאַטשיילעס איינגעהילט. משה ווערט מיעד פון דעם געהן. דער שטויב פון דעם זומערדיגען טרוקענעם וועג לעגט זיך אויפ'ן האַרצען און רופט אַרויס אַ הוסט. משה זעצט זיך אַוועק ביים וועג, אויף אַנ'איינגעפאַלענעם בוים. אַרום און אַרום, וואו זיין דונקעלער, האַלב־אויסגעלאָשענער בליק גרייכט, גרינט און לעבט. אַלעס קושט דער פריהלינגס־ווינד, פייגעל זינגען. און משה'ן דאַכט זיך, אַז זיין גאַנץ לאַנג לעבען איז נאָר אַ חלום, אַז ער וועט אָברייסען די מאַי און וועט קומען אַהיים, וועט ער גאָר דערווייסען זיין טאַטען שלמה'ן און זיין מאַמען גאָלדען, אַז פּונקט ווי אַמאָל גרינט דער פריהלינג און פרעהט זיך מיט טויזענדקאָלירטע קראַמקעליך און קוויטען, ער הויבט זיך שנעל אויף פון אָרט, וויל האַסטיג אַרויפקלעטערן אויפ'ן בוים, ווי אַמאָל אין די קינדערשע יאָהרען. אָבער די אַלטע פיס הויבען זיך ניט. זיין סורדוט האָט זיך פערטשעפּעט אָן אַ סוק פון דעם איינגעפאַלענעם בוים, ער גיט אַ קוק אויף זיינע צודאַרטע וואָרצלען. ער דערמאָהנט זיך מיט אַ טיעפען אינערליכען אומעט, אַז יונגעלווייז האָט ער פון דעם בוים, ווין־קוואַסאָק געטרונקען, אַהיים פלעגט ער ברייגגען גאַנצע עמערס...

די אונטערשטע צווייגען שניידט ער אראָב מיט׳ן מעסערל, הויך קלעטערן קען ער נישט, און זיין אויג וויל זיך נישט אבריי־ סען פון דעם גרינעם פעלד. —

„בלויז דער פריהלינג ווערט נישט אלט“, זיפצט ער שטיל, בעטראכט דעם אלטען איינגעפאלענעם בוים מיט די פערדארטע צווייגען און זאָגט ווייטער:

„בלויז דער פריהלינג ווערט נישט אלט“ — און פאמעליך געבויגען לאָזט ער זיך געהן צו זיין שטיבעל, בעפוצען זי מיט מאי פון דעם פריהלינג, וואָס ווערט קיינמאל נישט אלט...

אהן שאלות.

אָהן שאלות.

דער הויפּט־פונדאַמענט פון דער עקזיסטענץ איז בײַ די קלויזנאָווקער בעל־הבּתים קאַרטאָפעל. און גאָט ווייסט טאַקע, וואָס וואָלט געטהון קלויזנאָווקע, ווען גאָט בעשאַפט נישט אויף זײַן גוטער ערד די דאָזיגע געבענשטע פּרי. געווים וואָלט קלויזנאָווקע קײַן קלויזנאָווקע ניט געווען. אָבער אַזוי ווי קאַרטאָפעל וואַקסען זעהר געראָטען אויף די קלויזנאָווקער האַלב־זאַמדיגע פעלדער, איז זי פערזאָרגט מיט איהר עקזיסטענץ.

און פון די קאַרטאָפעל מאַכען די קלויזנאָווקער בעל־הבית׳טעם אַלערלײַ מאכלים, גאַנצע ערפינדונגען: לאַטקעס פון קאַרטאָפעל, בולקעס פון קאַרטאָפעל און אפילו הײַוועז. און די מאכלים זענען טאַקע פלאי־פלאים.

קײַן קצב איז אין קלויזנאָווקע נישטאָ, נאָר די קלויזנאָווקער בעל־הבּתים בעגעהען זיך אָהן איהם. זינדיגען האָבען קלויזנאָווקער בעלי־בּתים פײַנד, און אַ חלק פלייש אַ גוטען האָפען זיי צו בעקומען פון שור־הבּר. נאָר מהלכי־תיתי, מען זאָל דאָך פאָרט אַ בשר־ודם מיט אַ שטיקעל יצר־הרע, און אַז גרשון דער קצב פון אוזדיאַנאָווקע ברענגט אַמאָל אַ זײַט פלייש און ס׳איז פאַרהאַן אַ פּאָר גראָשען אין שטוב, נעהמען די קלויזנאָווקער בעל־הבית׳טעס אַ חלק פלייש. דער עיקר איז אָבער, וואָס גרשון ווייסט די צײַט, ווען דאָס פלייש צו ברענגען, — דאָנערשטאָג; ער ווייסט, אַז די קלויזנאָווקער ווײַבער וועלען זיך שוין אָנטהון אַ כּח און וועלען שוין אויסקויפען דאָס פלייש, ניט צו פערשטערען שבּת.

דער רב פון שטעדטעל, ר' שלמה, איז שוין לאנג אנגעקומען אהער אין קלויזנאָווקע. אַ סך עלטערע בעלי־בתּים געדענקען איהם נאָך, ווען זיין לאַנגע געדיכטע באָרד איז עלט שוואַרץ געוועזן. דערפאַר איז זי איצט ווי זילבער ווייס. דאָס אַרט אפילו ר' שלמה'ן נישט — אַ נפקא־מינה, שוואַרץ די באָרד, ווייס די באָרד — מיט אַזוינע נאַרישקייטען פערנעהמט זיך ר' שלמה ניט, — ער האָט געענוג אַנדערע דאגות. זיין גרעסטע דאגה איז אָבער, וואָס אין שטעדטעל איז נישטאָ קיין שאלות. ער איז, חלילה, נישט חושד די קלויזנאָווקער בעלי־בתּים, אַז זיי זענען ניט פרום און האלטען נישט פון שאלות. ווענען דעם איז ער גאַנץ רוהיג. ער ווייסט און קען זיינע בעלי־בתּים. דער עיקר פון זיין דאגה איז אָבער, וואָס דער וואָכער איז ניט קיין פערדיענטער. און אַז די רביצין וואָלט עפּעס געקאָנט אויסטראַכטען אַזוינע ערפינדונגען פון קאַרטאָפעל, אַז מען זאָל קאָנען אויסקומען אָהן דעם וואָכער, וואָלט ער זיך זעהר גוט געפיהלט. קיין סך בענעהרט ער אפילו ניט פון עולם־הזה, אָבער נאָפּט דאַרף מען דאָך, אַ וועגעל האָלץ מוז מען קויפען, די דריי טעכטער, וואָס זענען איינע אונטער דער אַנדערער און די קלענסטע איז שוין אַלט איבער צוואַנציג יאָהר, מוז מען אויך מאַכען אַ קלייד, אַ שוך, — און אין דער פריה, ווען ער קומט פון דאַווענען, איז זיין ערשטע פראַגע:

— אפשר עמיצער געוועזן פרעגען אַ יזאלה?

— ניין, — ענטפערט פער'דאגה'ט די רביצין.

אַמאָל קומט צולויפען אַ יודענע, קויס אָבּהאַפּענדיג דעם אָטעם — אַ שאלה, אַנ'אומגליק האָט זי געטראָפען...

דער רב גורט אָן די לענדען, און די יודענע הויבּט אָן מיט פערצווייפלונג:

— האָט זיך געקאָכט קאַרטאָפּלענע פאַרפעל „מיטנישטע" אין אַ מילכיגען טעפעל, האָט זי, על־פּי טעות, מעשה שטן, אויסגעמישט מיט אַ פליישיגען לעפעל.

דער רב פרעגט אויס אַלע פּרטים פון דער שאלה, ווי דער בעסטע אויפמערקזאַמסטער דאָקטאָר.

— ווען האָט מען געקאָכט מילכיגס אין טעפּעל? ווען האָט מען געגעסען פליישיגס מיט׳ן לעפעל?...

די יודענע דערצעהלט מיט אַ קלאַפּענדען האַרצען, ווי לאַנג זי האָט אין טעפּעל ניט געקאָכט קיין מילכיגס. „מילך איז פּייער און פלאַם״, — גיט זי צו אין די רייד — „ווער קאָן דאָס דער־ווייזען, רבּינקע״.

דעם לעפעל האָט זי ווידער אויך לאַנג ניט גענוצט... לעפעל האָט זי גענוג...

— ס׳איז כשר, — זאָגט ר׳ שלמה. על־פּי דין קאָן מען פּאָרט ניט מאַכען טרפה.

און אַז די יודענע לויפט אוועק צופרידען, זיפצט דער רב שווער אָב און מיט אַ ביטערען שמייכעל זאָגט ער:

— אויך מיר אַ שאלה!...

און אַז פרייטאָג ברענגט בעריל דער שמש דעם דאָזיגען וואָ־כער און קלינגט מיט די קופּערנע מטבעות, פיהלט זיך ר׳ שלמה עניו׳דיג און דערשלאָגען. איהם דאַכט זיך, אַז יעדער קלאַנג פון דער מטבע שרייט צו איהם:

— און קצבה לעבסטו, פון קצבה... דער איינציגער אָרי־מאַן אין שטעדטעל ביסטו...

און זיין פּנים ברענט איהם פאַר שאַנדע...

ערוואַרטונג.

ערוואַרטונג.

איז אַמאָל געוועזען אַ יונגער קיסר מיט אַ קייזערין, וואָס איז געוועזען די שענסטע פון דער מדינה. ווי אַ יוגענד-טרוים איז זי שען געוועזען, און דער קיסר האָט זי זעהר ליעב געהאַט און פלעגט נישט קענען זיין אָהן איהר אפילו אַ האַלבען טאָג; גלייך ווי די בלום קען נישט לעבען אָהן דעם ליכט פון דער זון, אזוי פלעגט ער נישט קענען לעבען אָהן אַ בליק פון דער יונגער שענער קייזערין.

איינמאָל איז צו דעם דאָזיגען קיסר געקומען אַ הערשער פון אַ צווייטען לאַנד, איז אין דעם קייזערליכען פּאַלאַץ אַ גרויסער יום-טוב געוועזען, און טישען זענען געוועזען געגרייט מיט קייזערליכע מאכלים, און אין בעכערס פון גינגאָלד האָט זיך וויין געריוטעלט.

נאָכ'ן מאָהלצייט האָט מען לכבוד דעם גאַסט געמוזט מאַכען אַ שפּאַציר און פאָהרען אויף יאַגד. אַזאַ מנהג איז אין יענעם לאַנד געוועזען. האָט געריסען דאָס האַרץ דעם קיסר, וואָס ער דאַרף איבערלאָזען די שענע מלכה אַליין, האָט ער זי היים געקושט און געהאַלזט און האָט איהר צוגעזאָגט, נאָך אין דעמזעלבען טאָג קומען צוריק.

איז געזעסען די קייזערין מיט איהרע מיידלעך און האָט געשפּונען, וואַרטענדיג אויף איהר מאַן. און די מיידלעך האָבען זי מיט שענע וואונדערליכע מעשה'לעך געמאַכט פרעהליך און לידער איהר געזונגען.

איז אַוועק דער טאָג און ס'איז אָנגעקומען אַ צווייטער, און דער קיסר מיט'ן גאַסט און זיינע הויפלייט זענען נאָך נישט

געקו-ען צוריק.

איז געזעסען פערטרויערט די שענע קיזערין און האט געטראכט: — וואס האט געטראפען מיט איהר מאן... האט זיי אויפ'ן וועג א טיגער בעגעגענט, אדער א לייב האט איהם צוריסען? האט זי טויף געטרויערט. האט זי נישט געהייסען איהרע מיידלעך זינגען קיין לידער און דערצעהלען קיין מעשה'-לעך, און אליין איז זי בּיים פענסטער געזעסען מיט פערדונ-קעלטע אויגען פון טרעהרען, אפשר וועט זי איהר מאן אין דער נעבעלדיגער ווייטקייט דערזעהן.

און זומער איז דאמאלס געוועזען. פון דעם הויכען, גע-דיכטען וואלד, וואס האט, ווי א גרינע וואנד, ארומגעצוימט דעם קעניגליכען פאלאץ, האט זי געהערט, ווי פויגעלעך זינ-גען, און דורכגעוועבט מיט זונענשטראהלען האט געלויכטען א גאלדענער העלער זומערטאג, — נאר די קיזערין האט איהם נישט בעמערקט, און שפעטער, אז די זון איז אוועק אין איה-רע ווייטע הימעל-פאלאצען און א קיהלער זומער-פארנאכט איז אויף דער ערד געקומען און ווי שטילע קושען פון א געליעב-טען האט דאס זומער-ווינטעל איהר אנגעריהרט דאס געזיכט, — האט די קיזערין אויך נישט בעמערקט.

און אין יענער צייט איז דער קיסר געגאנגען דורך דעם געדיכטען ווייטען וואלד און האט געזוכט דעם וועג צו זיינע הויפלייט, פון וועלכע ער האט פערבלאנזשעט, נאכיאגענדיג זיך נאך א הירש.

ער איז מיעד און מאט געווארען און האט זיך געוואלט אויף דר'ערד צוזעצען און אברוהען. אבער אין וואלד האט גע-הערשט א אימה'דיגע שטילקייט און זי האט איהם ווייטער גע-טריבען, ער זאל זוכען זיין וועג אהיים, צו זיין ווייב, נאך וועל-כער ער האט געבענקט.

און די נאכט איז אנגעקומען, האט זי אין א שווארצען שלייער דעם וואלד איינגעהילט, ווי מיט א טרויער-קלייד האט זי איהם בעדעקט, און אין הימעל האבען זיך ליכטלעך אנגע-צונדען, טרויער-ליכטלעך נאך דעם פערשטארבענעם העלען גאלדענעם זומער-טאג.

האָט דער קיסר שוין פֿערלאָרען די לעצטע האָפֿנונג, אין דער שוואַרצער נאַכט דעם וועג צו זײַן קײזערליכען פּאַלאַץ צו געפֿינען, און אויף אַ הויכען בוים. האָט ער פֿאַר זיך געוואָלט אַ נאַכטלעגער מאַכען. נאָר פּלוצלונג האָט איהם פֿון דער ווײַטענס אַ שײַן געטהון אַ פֿײַערל, און צו דעם אָרט איז ער אַוועק, דורכהאַקענדיג שנעל די בערגער פֿינסטערניש, מיט וואָס די נאַכט האָט דעם וועג פֿערלעגט.

און אַזוי געהענדיג איז ער ענדליך צוגעקומען צו דעם פֿײַערל, וואָס האָט איהם פֿון דער ווײַטענס גערופֿען; ווי אַ שטילער בליק פֿון טרויער, האָט דאָס בעלויכטענע פֿענסטערל געקוקט אין דער שוואַרצער נאַכט אַרײַן.

אין שטיבעל איז געלעגען אַן׳אַלטער מאַן מיט אַ גרײַז־גרויער באָרד, געלעגען און געשלאָפֿען. איז שטיל און פֿאָרזיכטיג דער קיסר אין שטיבעל אַרײַן, פֿון מידקייט האָט ער זיך אויף דר׳ערד געלעגט און איז באַלד אײַנגעשלאָפֿען.

און דעמאָלט האָט זיך איהם דער דאָזיגער חלום גע־חלום׳ט:

„ער איז געגאַנגען דורך אַ געדיכטען וואַלד, אויף הויכע בוימער האָט גערוהט אַ הימעל און האָט געוויקעלט דעם וואַלד אין אַ גרויען נעבעל, — אַן׳אימה׳דיגע שטילקייט האָט אין וואַלד געהערשט, און ער איז שפּעט געגאַנגען און האָט מיט ציטער געזוכט אַן׳אויסגאַנג פֿון דעם נאַכט־שוואַרצען וואַלד. פּלוצלונג האָט זיך בעוויזען אַ ריעזען־געשטאַלט, און דערזעהענ־דיג דעם קיסר, האָט זי זיך צופֿרידען צולאַכט און האָט איהם אויסגעשטרעקט צוויי בײַנערדיגע, שפּיציגע און לאַנגע הענד.

— דו קענסט מיך? — האָט פֿערוואונדערט געפֿרעגט דער קיסר.

— איך קען אַלעמען, וואָס קומען אויף דער ערד, — האָט געענטפֿערט די געשטאַלט און האָט ווידער גערעדט: — נאָך אײדער דו ביסט אויף דער ערד געקומען, האָסטו שוין אויך צו מיר געהערט...

— ביסטו גאָט? — האָט דער קיסר פֿון שלאָף געפֿרעגט.

— איך בין נישט גאָט. איך בין דער מלאך, וועלכען גאָט האָט בעשאַפען דאַן, ווען ער איז אונצופרידען געווען מיט זיין וועלט אויף דער ערד.

— איז ווער ביסטו?

— איך וועל דיר ווייזען מיינע פּאַלאַצען, דאַן וועסטו שוין דערזעהן, ווער איך בין, — האָט דער אונבעקאַנטער געזאָגט, און האָט איהם אָנגענומען מיט זיינע ביינערדיגע הענד און איז שנעל מיט איהם אַרויס פון דעם געדיכטען וואַלד. זיי זענען אין אַ גרויסען גאָרטען געקומען, און ס'האָבען דאָרט גע־רוישט די בוימער, ווי זיי וואָלטען זיך פאַר עמיצען געשראָקען און אויף עמיצען געוואַרט. די ערד פון גאָרטען איז געווען פערזייהט מיט שטיינער, אויף וועלכע ס'זענען געווען אויפשריפ־טען געקריצט. פון הימעל האָט זיך אַ בלויע נאַכט געגאָסען און בלייכע שטראַהלען פון דער לבנה האָבען זיך אויף די שטיינער אין בלאַסע פאַסען געלעגט, און ער האָט די אויפ־שריפטען לעזען געקענט. און מיט אַמאָל האָבען זיך פונאַנדער־געדוקט די שטיינער פון דער ערד, און געהילטע אין ווייסען זע־נען מענשען פון די קברים אַרויס.

אַ וואָלקען האָט דעם הימעל בעדעקט, און אומעטיגע האָבען פון איהם אַרויסגעקוקט די גאָלדענע שטערן. די טויטע זענען צום קייזערליכען פּאַלאַץ אַוועק און האָבען דאָרט לידער געזונגען. לידער פון לעבען, וואָס בעזיגט האָט דער טויט... און יעדער קלאַנג פון ליעד איז געווען אַ שטילער אַקאָרד פון בענקשאַפט צום הימעל, צום לעבען, צו די צויבער־טרוימען, וואָס די נאַכט האָט דער ערד געבראַכט...

און מיט שוידער האָט זיך צוגעקוקט דער קיסר צו די וועקסענע געזיכטער, צו די שרעקליכע געשטאַלטען און מיט אימה האָט ער זיך צו דעם שוואַרצען ריעז געדריקט און האָט אין זיינע הענד בעהאַלטען זיין געזיכט.

ווילסט, — האָט דער שוואַרצער ריעז געזאָגט, — וועט לען זיי דיר אַלע דערצעהלען, ווער זיי זענען, פון וואַנען זיי שטאַמען, די אַלע פון מיין געוועלטיגונג.

און נישט אויסהערענדיג דעם קיסר'ס ענטפער, האָט דער

שטרענגער הערשער בעפוילען די בלאסע קינדער צו דערצעהלען, פון וואַנען זיי קומען.

און איינע מיט אַ צאַרטער שטים האט דעם קיסר דערצעהלט:

אין לעבען האט זי ביי איהר פאטער די שאף געפיטערט אויף די זומערדיגע גריגע פעלדער, אונטער ריעזיגע הויכע בערג, אין די העלע זומער־טעג, און וואונדערשען פלעגט קלינגען אפילו דאסווידערקול פון די ליעדער, וואס זי פלעגט זינגען, פיטערנדיג די שאף. און דאס ווידער־קול, פון די בערג געבוירען, פלעגט דערמאָהנען אַן אַ מענשען און מאַכען בענקען דאס הארץ. און אַ סך שענע ליעדער האט זי געקענט. די מאַמע האט איהר זיי געלערנט. און ווינטער, ווען בערגער שניי פלעגען נאָך העכער מאַכען די ריעזיגע בערגער און פלעגען בעדעקען פעלד און וואַלד, פלעגט זי זיצען אין שטיבעל און שפינען. פון פלאַקס פלעגט זי לאַנגע דינע גאָלדענע פעדים שפינען, און קיינער איז אין דאָרף צוליעב די הויכע בערג נישט געקומען. און ס׳האָבען זיך טעג געצויגען, לאַנגע טעג, ווי די לאַנגע פעדים פון דעם גאָלדענעם פלאַקס, — לאַנגע גאָלדענע פעדים קען מען אָבהאַקען, מאַכען קירצער, אָבער מיט לאַנגע טעג, וואָס קען מען טהון?...

זי איז יונג געוועזען און שען, און שלאַנק איז געוועזען איהר קערפער, און ווי רובינען האָבען געלויכטען איהרע אויגען, און איהר ווייסע ברוסט האט זיך צו עמיצען צודריקען געוואָלט און האט נאָך ליעבע געבענקט, — האָבען אָבער די הויכע בערג קיינעם נישט געלאָזען קיין וועג.

אָבער ער איז דורך די בערג דורכגעגאַנגען און אויף אַ שווארצען אָדלער־פערד האט ער געאיילט — אין אַ ווייטען לאַנד מלחמה האַלטען איז ער געגאַנגען. האָט ער זי דערזעהן. די אויגען איהרע, האט ער געזאָגט, לייכטען נאָך העלער, ווי די האָפנונג פון יוגענד, און אַ קרוין האט ער איהר צוגעזאָגט פון דער מלחמה ברענגען, נאָר ווען זי וועט איהם איין קוש שענקען, איין קוש ביים געזעגנען. האט זי דען געצעהלט די קושען? ווי אַן אָדלער איז ער שטאַרק און שען געוועזען, אָבער ער האט געמוזט

אויף דער מלחמה אײַלען און צוריק האָט ער שוין דעם וועג נישט געטראָפען. אָדער איז ער אויפ'ן שלאַכטפעלד געבליבען?

זי האָט לאַנג געוואַרט, ביז ס'איז געקומען דער בייזער טויט און האָט נישט געלאָזען מעהר וואַרטען. טהוט עס אַזוי איהר באַנג, וואָס זי האָט איהם מעהר נישט געזעהן.

און שטיל איז די בלאַסע געבליבען, און אַ צווייטער האָט דערצעהלט:

אַ קיסר איז ער געוועזן, אַ האַלבע וועלט האָט ער פערמאָגט און שטעדט נאָך שטעדט האָט ער אײַנגענומען. איז ער אָבער אַלץ נישט צופרידען געווען און איז אין דער ווייטער וועלט אַוועק, נאָך שטעדט און גאָלד צו זוכען און האָט מלחמה געהאַלטען און האָט בײַ קיסרים שטעדט גערויבט און פון בלוט טײַכען געמאַכט. אויף דעם וועג צוריק האָט איהם דער אַלטער ריעז בעגעגענט און נישט געלאָזט אַהיים פערגעהן...

און נאָך איינע האָט דערצעהלט:

זי איז אַ פרוי געוועזן. די קעניגין פון שענהייט האָט מען זי גערופען, און מיט איהר איין בליק האָט זי פאַר זיך קנעכט געקויפט... און די גרעסטע פון דער וועלט זענען בײַ איהרע פיס געלעגען און זי איז זייער הערשערין געוועזן... זענען יאָהרען געלאָפען, און פון ליבע פערשכורט, האָט זי נישט בעמערקט זייער גאַנג... איינמאָל איז זי אײַנגעשלאָפען, דאַמאָלס האָט זי געליבט אַ יונגער פרינץ מיט אויגען, העלער פון דעם פריהלינגס-הימעל, און מיט אַ שטים, זיסער פון אַ האַרפען-קלאַנג, האָט ער איהר לידער געזונגען, פלעגט זי טרוימען ווידער פון ליבע און יוגענד, — איז זי אָבער אײַנגעשלאָפען... איז דער אַלטער געקומען מיט אַ שטרענגען בליק און אַ האַרטער האַנד. ער האָט פון רחמנות נישט געוואוסט, און האָט איהר די אויגען פערמאַכט... מעהר האָט זי זיך נישט אויפגעכאַפט און מעהר האָט זי קיין ליבע נישט געהאָט...

דערנאָך האָט אַ קינד גערעדט:

אַ יונגע נשמה פון אַ מלאך, אין אַ ווינטער-נאַכט איז זי אויף דער ערד געקומען. קאַלטע ווייסע שנייען האָבען בעדעקט

די ערד. קאַלט און טרויעריג איז אין שטיבעל געווען, וואוהין דער מלאך האָט זי געבראַכט, אָבער באַלד האָט זי דערזעהן, ווי פרעהליך ס'שמײכעלט צו איהר אַ וואַרימער מוטער-בליק: צאַרט און הײם האָט זי די מוטער געדריקט צו איהר ברוסט, איז איהר געוואָרען גוט און אַנגענעהם אין דעם קלײנעם שטיבעל. דאָרטען זענען אַ סך קינדער געווען, האָט דער דלות פערוועהרט אַלעמען צו זײַן אין שטיבעל און האָט זײ דעם טויט אָבגעשענקט...

זענען געקומען נאָך קינדער און האָבען דערצעהלט פון זײער קורצען לעבען אויף דער „ליכטיגער וועלט".

דער קיסר האָט זיך אויפגעחאַפּט. אַז עס איז אַ חלום נאָר, האָט לײַכטער אָבגעאָטעמט דער יונגער קיסר און האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך.

וואו איז ער, — האָט מיט שרעק געטראַכט דער קיסר, בעטראַכטענדיג די הוילע וועגד פון שטיבעל, און וואו איז דער אַלטער אַנטרונען?

נאָר ער האָט נאָך נישט בעוויזען אויסצורײדען פאַר זיך אַלײן די לעצטע ווערטער, איז דער אַלטער צוריקגעקומען.

האָט דער קיסר זיך פאַר דעם בעל-הבית פון שטיבעל געשטעלט און האָט בײַ איהם געבעטען, אַז ער זאָל איהם מוחל זײַן, וואָס ער האָט, אָהן פרעגען בײַ איהם, אין שטיבעל זײַן אָברוה געמאַכט, און אַראָבנעהמענדיג פון פינגער אַ קלײן רינגעלע, האָט ער עס געוואָלט דעם אַלטען איבערגעבען, אין צײכען פון זײַן דאַנקבאַרקײַט.

האָט געשמײכעלט דער אַלטער און האָט צוריקגעקעהרט דאָס גאָלדענע פינגערל דעם קיסר. און ער האָט מיט דעם קיסר אַ שמועס פערפיהרט, האָט דער קיסר דערזעהן, אַז ער איז אַ קלוגער אַלטער, האָט ער איהם קשיות געפרעגט, אויף וועלכע דער אַלטער האָט געענטפערט טיעף, שנעל און פלינק. איז ער געפעלען געוואָרען דעם קיסר, און ער האָט איהם געוואָלט צו זיך אַהײם נעהמען און פאַר זײַן הויפטראַט איהם מאַכען, האָט אָבער דער אַלטער נישט געוואָלט געהן.

— איך בין שוין אַלט, — האָט ער געזאָגט, — און

געצעהלט זענען מיינע טעג, און וואס בעסער איך וועל לעבען, אלץ מעהר וועל איך מורא האבען פאר'ן טויט, אלץ מעהר וועט מיך שרעקען זיין קומען.

האט זיך דערמאהנט דער קיסר פון זיין שווערען חלום און ער האט איהם דעם קלוגען אלטען דערצעהלט.

אויפמערקזאם האט געהערט דער אלטער, ווען דער קיסר האט איהם זיין חלום דערצעהלט. און טיעפע קנייטשען האבען זיין געזיכט געשניטען און אויפ'ן שטערן זיך צולעגט. און אז דער קיסר האט געענדיגט דערצעהלען, האט דער אלטער געזאגט.

— פערזייהט איז דער הימעל מיט שטערן, וואס זייער צאהל איז אונענדליך, און יעדער שטערן איז א מענשענס מזל. און פערבארגען איז דער מזל פון מענשען! אבער אנדערע איז דאס ענטפלעקט. גיב מיר דיין האנד, אויב דו ווילסט, און איך וועל דיר דיין מזל לייענען...

האט דער קיסר פול נייגיריגקייט, אויסגעשטרעקט א ציטערנדע האנד, וואו דער אלטער האט די שריפט פון מזל געלייענט.

האט דער קיסר דעם אלטען בעפוילען, אז ער זאל איהם זיין מזל דערצעהלען, האט דער אלטער לאנג געשוויגען. ענדליך האט ער געזאגט:

— די טעג פון מיין לעבען האב איך אהן מענשען צוגעבראכט און האב קיינמאל קיין נארישקייטען נישט געטהון. און ביי דער ערשטער בעגעגעניש מיט א מענשען האב איך זיך אליין פאר א נאר געמאכט, — איז דען נישט בעסער, אז דער מענש זאל דעם מזל נישט וויסען...

האט דער קיסר נישט אויפגעהערט צו בעטען דעם אלטען, דעם סוד פון זיין מזל צו ענטפלעקען, ביז דער אלטער האט געזאגט מיט א שטילער פיינליכער שטים:

— ס'איז געשריבען אויף דיין האנד, אז אין די טעג פון דיין יוגענד וועסטו צו דעם טויט געהערען.

זענען מיט א שווארצען טרויער דעם קיסרס אויגען פערדעקט געווארען, און בלאס איז געווארען זיין געזיכט, גלייך

זוי דער שלייער פון טויט איז אויף איהם געלעגען...

און ביידע זענען שטיל געבליבען. האט אין וואלד זיך א פויגעל צושריען, גלייך ווי ער וואלט געקלאגט פאר דער ערד, וואס זי געפינט זיך אונטער דער געוועלטיגונג פון טויט און שאפט נאר פאר איהם.

אז דער קיסר איז אהיים געקומען, איז ער אזוי געווען פערענדערט, אז די קייזערין איז, א קוק געבענדיג אויף איהם, געפאלען אין חלשות.

און ווי א שאטען פון טרויער איז דער קיסר ארומגעגאנגען ביי זיך אין פאלאץ און האט אין זיינע שווארצע שאטענס דעם פאלאץ בעדעקט.

האט די קייזערין געוואלט איהר מאן פרעהליך מאכען.

האט זי איבער דער גאנצער מדינה צושיקט שלוחים, אז אלע זאלען קומען צו איהר אויפ'ן יום-טוב, ארים און רייך, ווער אין צוריסענע קליידער און ווער אין בריליאנטען פערפוצט.

און א סעודה א גרויסע איז געווען, ס'האבען מוזיקאנטען געשפיעלט פרעהליכע נגונים, וואס האבען נאר פון זומער דערצעהלט, פון זומער און פריהלינג, פון לעבען און גליק.

און פרעהליך איז געווען און אין די בעכערס פון גינגאלד האבען וויינען געשוימט.

נאר נישט געפרעהט האט זיך דעם קיסרס הארץ, איז געווארען אויך אומעטיג די קייזערין, און שפעט אין דער נאכט, ווען די געסט זענען זיך צוגאנגען, איז די מלכה געלעגען ביי זיך אין איהר גאלדענעם בעט און האט געווארט אויף איהר מאן... זי האט געבענקט נאך זיינע קושען און ליבע, וואס ער האט ערגיץ אין דעם וויטען פרעמדען וואלד געלאזען. האט זי געוואלט איהם פערשכורן מיט איהר קערפער און ווידער ביי איהם די ליבע געפינען.

איז דער קיסר געקומען. טיעפע ליידען זענען אויף זיין בלייכען יונגען געזיכט געלעגען. איז ער פאר דער קייזערין געפאלען און האט איהר אלץ דערצעהלט.

און ער האָט איהר דערצעהלט, אַז די ערוואַרטונג פון טויט איז שווערער פאַר'ן טויט אַליין, פּיינליכער און שווערער. האָט זי איהם אַ בעכער מיט ווײַן געגעבען, און אין ווײַן איז סם געוועזען. מיט דאַנקבאַרע בליקען פון ליעבע האָט ער דעם בעכער אויסגעטרונקען און איז אויף איהר ברוסט אײַנגעשלאָפען, מיט אַ שמײַכעל, אַ בעפרײַטער פון דער ערוואַרטונג, וואָס איז נאָך איהם שרעקליכער פאַר'ן טויט אַליין געוועזען...

דער גאסט.

דער גאַסט.

(דערצעהלט פון אַ מאַן.

אין שטוב זענען געסט . . . אַלע לאַכען לוסטיג, זאָרגלאָז, און איך האָב זיי פערלאָזען, ווייל מיר איז זעהר אומעטיג, זעהר אומעטיג. — סבות אויף דעם האָב איך אַ סך, אָבער די ערשטע און וויכטיגסטע איז די, וואָס דער דאָקטאָר ראָזדאָווסקי, מיינער אַ חבר פון דער יוגענד — אַ מענש מיט אַ גאָר שוואַכען חאַראַקטער, וועלכער איז נישט געוועזן אימשטאַנד צו פאַרבעהאַלטען אין זיך עטוואָס פינסטערעס — האָט זיך מיר מודה געווען, אַז מיינע לונגען זענען אָבגענוצט פאַר דעם עולם הזה. ער האָט אפילו באַלד געהאַט חרטה אויף זיין טרויעריגער ענטדעקונג, האָט געוואָלט חאַפען צוריק מיט פיעל בעווייזען, אַז מיט קראַנקע לונגען קען מען אויך לעבען ביז אין טיעפען עלטער אריין, אָבער יעדער בעווייז האָט מיך וועניג איבערצייגט — און האָט געקלונגען, ווי אַ פאַלשע, פלאַכע טרייסט.

איך אַליין האָב אָפט געטראַכט, אַז מיינע לונגען זענען זעהר שוואַך און האָב זיך געשראָקען, אָבער דאָך איז אין האַרצען געווען אַ שטאַרקע האָפנונג, וועלכע מיין חבר האָט מיט זיין ענטדעקונג ביי מיר צוגענומען — און האָט בעפעסטיגט און בעשטעטיגט אַ שרעקליכען אורטייל — צוגענומען אַלע ספקות וועגען איהם — און אַנ׳איבערצייגטער האָב איך זיך גענומען וואַרטען אויפ׳ן טויט.

די דאָזיגע אַרבייט מוז נישט זיין גאָר אַנגענעהם אפילו פאַר די טיעפסטע זקנים און שאַרפסטע סקעפטיקער, וואָס נעהמען זיך דאָס לעבען פאַר דער קלענסטער נישט־געלונגענער

נאַרישקייט. נעהמען דעם טויט גוטווילינ, מעשה בעל־הבית איבער איהם, איז נישט גלייך, ווי צו וואַרטען אויפ׳ן טויט. איך מיין, אַז עס איז אַזוי פערשידען, ווי דער שפּיץ באַרג מיט זיין אָבגרונד.

דערצו נאָך איז געקומען צו מיר אַ גאַסט, אַנ׳אויסלענ־דישער סטודענט מיט לאַנגע האָהר, מיט — מ׳מוז מודה זיין — אַ טיעף־חנ׳עווריג געזיכט און מיט געזונטע שטאַרקע לונגען, וואָס ערלויבען איהם לוסטיג און יונג צו לאַכען.

און אָט דער דאָזיגער יונגער סטודענט פערשאַרפט מיר נאָכמעהר מיינע ליידען וועגען טויט —

און אין קאָפּ קומען געדאַנקען און געהען אוועק, געדאַנ־קען עהנליכע איינע צו די אַנדערע, אַלע אַלץ איינס פּיינלי־כע — און איך קען זיך פון זיי נישט בעפרייען:

„ווען וועט ער קומען, דער טויט? — אין דעם קאַלטען רע־גענדיגען הערבסט־טאָג, ווען דער וואָלקענדיגער הימעל וועט ליע־גען חמארנע און יאוש׳דיג אויף דער אַלטער זקנה דער ערד?״— „אפשר וועט עס זיין אין פריהלינג אין אַ זונען־טאָג״, — קומט אַנ׳אַנדער געדאַנק, — „ווען דער הימעל וועט הויך און ברייט, בלוי און דורכזיכטיג ליעגען איבער דער יונג־אויסגעציהרטער פערליבטער ערד״...

אַלע לאַכען לוסטיג — און ביי קיינעם איז נישטאָ קיין מחשבה וועגען טויט! גליקליכע!

ווען מ׳טראַכט נישט וועגען טויט — דאַן איז ער גאָר נישטאָ, דאַן איז פאַרהאַן נאָר לעבען, לעבען, לעבען! אָבער איך קען זיך נישט בעפרייען פון די מחשבות פון טויט — און בין אַזוי אומגליקליך, ווי שאול, ווען שמואל הנביא האָט איהם געבראַכט די אַכזור׳דיגע בשורה. מיר האָט דאָס געטהון ראָז־דאָווסקי, ווען ער האָט בעפעסטיגט מיין אורטייל.

וועט מיין שטוב, מיין מלוכה, אויך איבערגעגעבען ווע־רען אין בעסערע הענד — צו דעם שענעם חנ׳עוודיגען סטו־דענט? דער געדאַנק פּייניגט און וואַרפט אויף מיר אָן אַ מרה־שחורה.

און מיין ווייב געפעלט קענטיג דער שענער סטודענט.

ער איז איהרער אַ ווייטער קרוב... מיט איהם פערפיהרט זי טיע־פע אינטערעסאַנטע שמועסען און דאַמאַלס פינקלען ביי איהר אַזוי די אויגען, און ווי שען עס זענען דאַמאַלס איהרע בלויע, טונקעל־בלויע, גרויסע, קינדערשע אויגען...

נעכטען אָוועגד האָב איך זיי ביידען איבערגעלאָזען אַליין און בין אַוועק — בין אוועק צו זיך אין צימער. דאָ האָבען מיך אַרומ־גענומען אַלע מיינע געדאַנקען, די שוואַרצע שאָטענס פון טויט. ס'איז מיר געוואָרען שרעקליך און איך האָב אָנגעקלונגען. באַלד האָבען זיך דערהערט וויכע טריט.

— דו האָסט געקלונגען, — האָט זי געפרעגט מיט איהר אָנגענעהמער, רוהיגער שטים.

זי איז געשטאַנען אויפ'ן שוועל אַ שלאַנקע, מיט אַ שטראַה־לענדען געזיכט, אין אַ ווייסען פּעניואַר און האָט אויסגעזעהן, ווי אַ קעניגין.

— קום צו נעהענטער, — האָב איך זי געבעטען קענגען מיין ווילען ביי, יאַשע — (אַזוי הייסט דער אויסלענדישער סטו־דענט) — וועט וואַרטען...

מיט שנעלע טריט איז זי צוגעגאַנגען צו מיר, האָט מיך אָנגענומען פאַר'ן האַנד, האָט מיר טיעף אַריינגעקוקט אין די אוי־גען אַריין און האָט וואונדערליך געשמייכעלט...

— מיין ליעבער, האָט זי גערעדט מיט איהר רוהיגער ברוסט־שטים, — דו ליידסט אויף איפערזוכט...

— איך האָב היינט דיין יאַשען... — נאָר באַלד האָט מיך דערשראָקען דאָס, וואָס כ'האָב איהם אָנגערופען „דיינער“, — ער איז פלאַך, נאַריש און וואָס טהוט ער דאָ אַזוי לאַנג?

זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט פערוואונדערונג...

— ביסט נישט געזונד, ביסט נישט געזונד, — האָט זי שטיל גערעדט און געגלעט מיט איהר צאַרטער האַנד מיין שטערען, די באַקען...

— איז נישט געזונד, — האָב איך געזאָגט מיט כעס און האָב אַראָבגענומען איהר האַנד פון מיין געזיכט, — וועסט שנעל חתונה האָבען מיט יאַשען...

מיט ברייט־אויפגעעפענטע קינדערשע אויגען האָט זי גע־

קוקט אויף מיר, דערנאָך איז זי אַנידערגעפאַלען אויף דער סאָפקע און האָט זיך ביטער צעוויינט...

און וואָס זי האָט מעהר געוויינט, אַלץ איבערצייגטער בין איך געוואָרען אין דעם, אַז אַזוי וועט מוזען געשעהן. איך בין אַרויס פון צימער.

אין עס-צימער איז הין און צוריק יאַשע אומגעגאַנגען, טיעף פערטראַכט. זיין חנ׳עוודיג געזיכט איז געוועזן מיט אַ שטילען אומעט פערדעקט, ווי ביי אַ פערליעבטען, וואָס בענקט נאָך דער געליעבטער.

הויך, שלאַנק, אַ ברייטפּלייציגער, האָט ער ביי מיר ערוועקט אַ טיעפע פיינדשאַפט צו זיך, געמישט מיט קנאה, און דער געדאַנק, אַז יענע שענע פרוי, וואָס איז יעצט אַזוי אונבעגרענצט מיינע, וועט איבערגעהן צו איהם מיט מיין גאַנצען פערמעגען, האָט מיך משוגע געמאַכט...

אין ווינקעל-טישעל אין קעסטעל איז געלעגען מיין רעוואָלווער. מיט שטילע טריט בין איך צוגעגאַנגען, גנבה׳דיג-שטיל האָב איך איהם אַרויסגענומען, בעהערשט פון אמת׳ער משוגעת, האָב איך אין איהם געציעלט.

ער האָט מיך בעמערקט. וואָס פאַר אַ אויגען זענען עס געוועזן! גאָט אין הימעל!

איך האָב אַרויסגעוואָרפען דעם רעוואָלווער פון האַנד און בין אַרויסגעלאָפען אין דרויסען.

ווי מיאוס, ווי נאַריש! אַלץ האָבען עס אָנגעמאַכט די שרעקליכע געדאַנקען, מיין קרענק, די טיעפע רחמנות איבער זי אַליין!

איך האָב זיך געלאָזט געהן איבער די שטילע נאַכט-גאַסען. ס׳איז געוועזן אַ העלע לויטערע נאַכט, אַ הויכער ווייטער הימעל, לויטער בלוי, מיט קליינע בערגליך דורכזיכטיגע וואָלקען, און די אומעטיגע ערד ליעגט אויסגעבעט אַ רוהיגע, אַ דונקעלע, עטוואָס אַ פערדאגה׳טע, ווי אַ גוטע מאַמע, ווען זי זעהט איהרע נישט גאָר גליקליכע קינדער, וואָס קומען אויף איהר אין פערשווינדען — קומען און פערשווינדען — מיט זייערע נישט-זיכערע האָפנונגען, נישט-זיכערע ספקות, נאָר די לבנה גיט גלייכגילטיג זילבערנע שטראַהלען

די אַלטע און פרישע קברים און גלייכגילטיג קוקט זי אַריין אין די אַלע מקומות, וואו עס קומען אָן אַנדערע נשמות שנעלע דורכ־געהער פון דער אייביגער ערד... איך בין שפּעט געקומען אַהיים...

מאָרגען האָט מיר מיין ווייב געזאָגט, אַז יאַשאַ פאָהרט אָב.

זי איז געווען רוהיג און מילד, ווי שטענדיג, און איך האָב נישט געקענט פערשטעהן, אויב זי ווייס, וואָס עס האָט געקענט געשעהן.

יאַשאָן האָב איך אויסגעמיטען אַ גאַנצען טאָג צו טרעפען. אָבער יעצט, ווען עס זענען געקומען געסט צו זיין אָבשייד, מוז מען אַריינגעהן, ווי עס זאָל נישט זיין שווער...

יאָ, מ׳דאַרף אַריינגעהן צו די געסט...

ערינערונגען.

ערינערונגען.

דער הימעל איז בעצויגען מיט שווארצער נאכט און מיט גאלדענע שטערען. ער קוקט אריין אין מיין פענסטער.

ביי מיר אין צימער איז האלבדונקעל. דאס פייער פון דעם בלויען אבאזשור דערגרייכט ניט די ווענד, אויף וועלכע עס שטע-הען שאטענס, גרויע, הויכע. דא שטעהען זיי אונבעוועגליך, דא צוטאנצען זיי זיך איבערן באלקען, צופליהען זיך אין אלע ווינקע-לעך, קומען זיך צונויף אויף די ווענד און בלייבען ווידער שטעהן אונבעוועגליך, רייזען זיך עפעס צונויף און צושפרינגען זיך ווי-דער אין אלע זייטען, אין אלע ווינקעלעך און קומען זיך ווידער צונויף.

און וואונדערבאר — אט די טאנצענדע שאטענס, ערשט גע-בארענע פון דעם דונקעלען ליכט פון דעם בלויען אבאזאשור, ברענגען מיר ווייטע ערינערונגען פון אמאל.

עס דערמאהנט זיך א לאנג פערשוואונדענער ווינטער-אווענד. א קליין צימערל. היימליך, ווארים. מיר זיצען צוזאמען, ער איז בעגייסטערט פון זיין ליעבע צו מיר. אין ווערטער, אהן ליעדער, בעזינגט ער מיין יוגענד, מיין שענהייט.

איך הער זיך צו, און אין הארצען איז מיר אונבעדייטליך אומעטיג. איך גיב א זיפץ.

— דו זיפצסט, — זאגט ער בעליידיגט, — דו זיפצסט, ווען איך בין אזוי גליקליך?

— און אז מיין יוגענד וועט פערשווינדען, — רייד איך איהם נאך, וואס וועט דאמאלס זיין?

— זי וועט קיינמאל ניט פערשווינדען, קיינמאל! מיט מיין

ליעבע וועל איך דיין שענהייט און יוגענד פערראַייביגען. אייביג-וועסטו יונג און שען בלייבען...

דער ווינד האט מיין לאַדען געריסען און האט אין פענס-טער געקלאַפּט. וואס האט ער געוואלט? צי האט ער זיך געקלאגט אויף זיין עלענד און איז אונזער גליק מקנא געוועזען, אדער ער האט זיין עלענד פערגעסען און האט פון דעם מענשענס ליעבע גע-לאַכט?

— — — — — — — — — — — —

עס דערמאָהנט זיך א זומער-נאַכט.

שטיל שווימט דאס שיפעל איבער דעם שטילען וואסער, וואס דרימעלט און טרוימט. דער הימעל קוקט רוהיג אויף דער ערד מיט'ן אויסדרוק פון א גוטיגער מאמען, וועלכע האט א פערלאנג, אז איהרע קינדער זאלען וואס פרעהליכער זיך שפיעלען און זאלען וואס מעהר פערגעניגען געניסען.

דאס שיפעל שווימט לאנגזאם.

און ס'איז אזוי אנגענעהם צו הערען, ווי דאס וואסער מור-מעלט שטיל דורכ'ן שלאף, ווי א קינד.

און ס'איז אזוי גוט און אנגענעהם אנבויגען דעם קאפ אויף זיין ברוסט און הערען זיין שטילע שטים:

„כ'האב דיך ליעב, כ'האב דיך ליעב, כ'האב דיך ליעב“.

און די טויזענדער גאלדענע שטערען קומען זיך צוזאמען אין דעם נאַכט-הימעל, קלויבען זיך צונויף אין קופּקעלעך און הערען זיך צו, וואס ער רעדט, הערען זיך צו, ווי דאס וואסער חאפּט זיך אויף און מורמעלט שטיל פערחלומט דורכ'ן שלאף.

— — — — — — — — — — — —

א פריהלינגס-נאַכט.

א בלויער, העלער הימעל מיט א זילבערנער לבנה בעגריסט די ערוואַכענדע ערד. אלץ איז העל, פון פריהלינג, ניי בע-פארבט. אלץ אטעמט אריין אין זיך דעם פריהלינג מיט זיינע פערלאנגען. — קום צו מיר, — בעט איך איהם און נעהם זיין האנד — איך האב דיך ליעב, קום צו מיר אין צימער, דארט איז אזוי היימליך...

— ס'איז שפּעט.

אנ׳אונבעקאנטעס ווארט, כ׳האב עס קיינמאל געהערט.

ער גיט מיר די האנד און פערשווינדט. לאנג קוק איך נאך זיין בלייבען שאטען אין דער העלער נאכט. איך גייה איהם נאך. איך רוף איהם צוריק. איך לויף נאר זיין שאטען, אבער ער איז שוין פערשוואונדען.

איך האב אזוי ליעב געהאט זיינע בלויע אויגען.

„שפעט".

די שאטענס אויף די וואנד שטעהען אנגבעוועגליך. וועגען וואס ריידען זיי זיך צוזאמען?

וועלכע בילדער פון אמאל ווילען זיי מיר ברענגען?

איך לעש די לאמפ: זאלען פערשווינדען די שאטענס. צו וואס? ס׳איז שפעט...

נאך יום־טוב אין שטעדטיל.

נאָך יום=טוב אין שטעדטעל.

דער אומעט צוזאַמען מיט דעם פאַרנאַכט פערוויקלען דאָס שטעדטעל און צווישען זיי ביידע ווערט געבאָרען די זאָרג, א גרויע, ווי דער נעבעל פון א הערבסט=פריהמאָרגען, א נאָגענדע, א רוגזה׳דיגע.

„ס׳איז שוין על כל פנים נאָך יום=טוב״, זאָגען די בעל=הבתים, געהענדיג אהיים עסען דאָס דריטע און לעצטע געריכט פון יום=טוב.

מען זיפצט שטיל, מען געהט פאַמעליך, און דער טיעפער אומעט צוזאַמען מיט דער נאָגענדער זאָרג גנב׳עט זיך אין הארצען אריין און קוקט פערצווייפעלט פון די אויגען ארויס.

דאָס יונגוואַרג שפּאַצירט הינטערן שטעדטעל: דרייסט אין איהרע האָפנונגען און ערוואַרטונגען, האָט אויף איהר די זאָרג קיין שליטה נישט.

מיט דעם אַוועקגאַנג פון יום=טוב וועלען זיי אויך פערשווינדען פון שטעדטעל אין די ווייטע גרויסע שטעדט, וואו, שטאַרק מיט זייער יוגענד, האָפען זיי צו געפינען דאָרט זייער גליק. —

דאָס קליינוואַרג — יונגלעך, מיידלעך — שפּיעלען זיך אין נים אויף די נאָך נישט=פערזייהטע גערטנער, פון וואַנען די פריה=לינגס=זון, האָט פעריאָגט דעם שניי און האָט וואונדערשנעל זיי טרוקען געמאַכט.

ביים יונגוואַרג געהט א קאַמף איבער א גרויסען וועלי=שען נוס, וואָס איינער א יונגעל האָט, לויט אלעמענס מיי=

בונג, נישט כשר געוואונען. די שטענדיג בלאסע פנים׳לעך ברע־
נען פאר אויפרעגונג און צארן. די שווארצע אויגעלעך שיטען מיט
פונקען, און דאס יונגעל מוז זיך אונטערגעבען... דער קאהן
הויבט זיך אן אויף דאס ניי.

אין איין צייל ווערען אויסגעשטעלט די ניס, דאס יונגעל
בעהמט דאס אייזערנע קייקעל מיט א מעלטיגער האנד, ווי א זעל־
בער דאס שווערד, ווען ער וויל בעזיעגען זיין שונא. ער גיט עס
א לאז צו די ניס, וועלכע צולויפען זיך צושראקענע, ווי פון א
הארמאט געטראפען, אין אלע זייטען...

איצט וואגט קיין איין יונגעל נישט אויפהויבען א ווארט צו
פראטעסטירען, און שווייגענדיג איז ער אנערקענט פאר דעם זיע־
גער, און ווי אין צייכען פון טריאומף קלאפען פרעהליך און הילי־
כיג אין טאש די געוואונענע ניס.

די זון איז שוין לאנג אין די וויטע הימלען אוועק, און דאך
איז נאך מיט שטראהלען פון גינגאלד דער מעריב־הימעל בעזוימט...

ארום ברונען, וואס שטעהט אין מיטען מארק, מיט זיין
הויכען אצאפ, אין איין הויך כמעט מיט דעם נידריגען שפיץ פון
קלויסטער, שטעהען פויערים און טרינקען אן זייערע פערד. זיי
ווייסען, אז מארגען איז נאך פסח און בערע דער בעל־עגלה וועט
נישט בעוויזען אבצופיהרען אלע „זשידקעס" צום באהן. אלזא
דארף מען זיין געגרייט...

די מאנסבילען געהען צוריק אין בית־המדרש אריין... און
אז ס׳בעווייזען זיך די ערשטע שטערנדלעך, די נאכט־בעגלייטער,
פערקלינגען פון דער אלטער, האלב־איינגעפאלענער שוהל די אל־
טע טרויעריגע טענער פון דעם יודישען דאוונען.

די ווייבער, וואס קומען זיך תמיד צונויף צו חאשעס גאניק,
שטעהען און שמועסען פון מגיד, וואס האט געזאגט, אז דאס
הארץ האט גענקענט צוגעהן, און מען האט בעדארפט צוצוקערן
יעדעס ווארט זיינס; שמועסען פון דעם, וואס יום־טוב האט מען
נישט געקענט מאכען קיין סך קארטאפעלנע מייגעלטסען, ווייל
שמאלץ איז געווען ביבער־גאל; מ׳בעדויערט, וואס די קינדער,
וועלכע זענען געקומען אויף יום־טוב, צופאהרען זיך און די אלטע
גאלדע, ביי וועלכער דער מאן און אלע קינדער זענען פאר׳ן

לעבען צושטאַרבען, טרייסט מיט אַ שווערען ביטערען זיפץ, אַז בעסער אין לאַנד, איידער אין זאַמד...

עס קומט דער אָוועַנד. דער פסח איז אַוועק. דער גאָלדע־נער פאַס אויפ׳ן הימעל האָט זיך מיט אַ פאַס גרויען וואָלקען פער־צויגען... די לבנה בעוויזט זיך אַ בלאַסע, אַ האָפנונגסלאָזע, מיט קליינע וואָלקען ארומגערינגעלט.

„אַ גוטע וואָך און אַ גוט יאָהר״, ווינשען זיך די ווייבער און, איינגעהילט אין זאָרג און אין וואַרעמע אָבגעטראָגענע פאַט־שײלעס, געהען זיי אַוועק אין די שטיבלעך אַריין אָנצינדען פייער און, געהאַרזאַמע, בעגעגענען זיי די וואָך, די גרויע וואָך..

און פון די קליינע הײזלעך, וועלכע שטעהען האַרט איינס צום אַנדערן, פערזאָרגטע, פער׳יאוש׳טע, קוקט אַרוים דאָס קאַרגע ליכט פון די לעמפעלעך... דאָס יונגוואַרג קעהרט זיך צוריק פון שפּאַציר אַהיים...

— מ׳דאַרף געהן בעדינגען אַ פוהר,—לעגט פאַר זעליג דעם מלמד׳ס זוהן ברוך, וועלכען עס גלוסט זיך ניט, מעהר ווי אַ אַלעמען, געהן אַהיים... קיין קנעלונג האָט שוין זעליג ווינטער ניט געהאַט; דער חדר־מתוקן האָט איהם אינגאַנצען אַראָבגע־זעצט. די פּאָר רובל וואָס ער, ברוך, האָט געבראַכט פון שטאָדט, וואו ער האָט דאָס אָנגעקליבען אויך פון מלמדות, זענען שוין לאַנג צוגאַנגען; ער האָט זיך נאָר איבערגעלאָזט צוריק אויף באַהן־געלד...

און דער גאַנצער יונגער עולם לאָזט זיך געהן צו בערע דעם בעל־העגלה... אויפ׳ן שוועל בעגעגענט זיי בערע דער בעל־העגלה מיט אַ לאַמטערנע אין האַנד.

— וואָס הערט זיך מיט׳ן טייך?—פרעגט דאָס יונגוואַרג,—דער פאַראָם וועט געהן?

— אַז גאָט האָט איבערגעפיהרט די יודען איבערן ים־סוף פאַר פסח, וועט ער אונז שוין איבער אונזער טייך איבערפיהרען נאָך פסח,— וויל זיך וויצלען בערע, וועלכען ס׳איז איצט גאַנץ פרעהליך אויפ׳ן האַרצען. ער ווייס, אַז אַט די גאַנצע חברה וויל פאָהרען נאָר מיט איהם.

— זענט איהר דאָס אַלע פאַרשווינען?

— איהר פרעגט נאך קשיות! — חאפּט זיך אונטער יאסע־לע דעם סטאליערס מיידעל מיט אַ גרויסען לאנגען צאָפּ און מיט אַ שווארץ־חנ׳עוודיג מאטאָווען געזיכט...

— איך מיין פארשוינען פאר מיר.

— עס פערשטעהט זיך פאר אייך.

— אַלע פאָהרט איהר אַוועק?...

— וואס, וועלען מיר דאָ תפילין שרייבען, אָדער די קאַטש־קעס פיטערן, —ווארפט אריין אַ יונג פון דער חברה...

דאָ ווערט בערע טרויעריג — ער וועט מוזען ארויסלאָזען „פאַרשוינען״. „צעהן מאל גרויס דער וואָגען״, אַלעמען וועט ער ניט צוזעצען.

די איבריגע וועלען שוין מוזען אנקומען צו די גוים, וואָס דאָס פערגינט ער זיי זעהר נישט, ווייל זיי קאָנקורירען שטענדיג מיט איהם... זיי קאָסט דען היי, האבער?... דערפאר אָבער האבען זיי קיין בויד נישט, אַ קרענק! און זייערע וועגעלעך זענען דען גלייך צו זיינעם? און ער האלט זיך חאטש פעסט ביי זיינע מקחים.

פריהער פון אַלעמען פאהרט ארויף אויפ׳ן פאראַס בערע דער בעל־העגלה, גלייך ווי ער וואָלט טאַקי געווען דער גאַנצער פיהרער איבערן טייך. די פויערים מיט די קליינע וועגעלעך, אויסגעבעט מיט שטרוי, מיט די מאגערע אומעטיגע פערדלעך, האבען אָבשיי פאר בערען, אַ הויך־געוויקסיגען, ברייטפּלייציגען יודען מיט אַ געלבער ברענענדיגער באָרד.

„בערקאַ“, חנפה׳נען זיי איהם און דראָהען איהם בלומרשט מיט די בייטשען, — זאַדושים, סמאַטרי!“

דאָס איז דערפאר, וואס ער, נישט ווארטענדיג, ביז זיי וועלען ארויפפיהרען, וויל אָבציהען דעם פאראַס פון ברעג.

ארום טייך שטעהט אַ גרויסער עולם, — טאַטעס, מאַמעס, קליינוואַרג. אַלע זענען געקומען בעגלייטען זיהן, טעכטער, שוועס־טער, ברידער, וואס פאָהרען אַוועק.

— דעם קען גענומען?

— גענומען, מאַמינקע, גענומען, — שרײַט די טאָכטער. — זײַ געזונד!

די מאַמע קען נישט ענטפערן, עפּיס שטיקט אין האַלז... דאָך שטאַרקט זי זיך:

— פאָהר געזונד, פאָהר געזונד! שרײַב אַ בריוועל, שרײַב...

— נחום! — רופט חיה די אלמנה, — למען השם נישט פערגעס זאָגען קדיש... היט אָב, מײַן זוהן, געדענק...

דאָס קלײַנשטאָרג רײַסט זיך אָנצוהענגען אָן די וואָגענס אונטערפאָהרען אַ ביסעלע, האָטש אײַן ביסעלע. עפּיס אַ קלײַן מײדעל רײַסט זיך אין וואָגען אַרײַן און דוקא צו בערען אין בויד: זי וויל אויך אין דער גרויסער שטאָדט, זי וויל אויך צו אַ תכלית, — פערדינען געלד, די מאַמע מאַכט אפילו קײַן קלײַדעל נישט. זי וויל האָטש דינען...

די קולות איהרע רײַסען זיך אין הימעל אַרײַן און פערשטאַרקען זיך נאָר, ווען בערע גיט אַ שמיץ מיט זײַן גראָבען בײַטש.

— ס'איז קײַן צײַט נישטאָ צו שטעהן; מ'וועט פערשפּעטיגען די באַהן.

און מען ציהט אָב דעם פּאַראָם...

דער טײַך, אָנגעטרונקען מיט די ווינטער-שנײען פון אַרומיגע וועלדער און פעלדער, איז נאָך ברײַט און גרויס, אָבער אַז בערע בעל-העגלה פאָהרט, זענען די פּאַסאַזשירען זיכער...

און דער טאָג איז אַ העלער, מיט אַ בלויען הויכען הימעל, מיט אַ סך זון... עס איז שטיל אין דער לופט. פון ערגעץ קומט אָן אַ פויגעל צו פליהען און בעגריסט דעם פריהלינג און זוכט אַ הויכען בוים, וואו אַ נעסט צו בויען...

און שטיל קושען די וועלען דעם פּאַראָם און פערפליהען שנעל, שנעל און טרײַבען איהם נעהנטער און נעהנטער צום אַנדערן ברעג...

אין אַ פריהלינגס-אָוועגד.

די לבנה וואַרפט אויף דער ערד בלייכע שטראַהלען און קוקט מיט שטילער בענקשאַפט. און דער בלויער דונקעלער הימעל מיט די קליינע, גאָלדענע, שעמעוודיגע שטערען רוקט זיך נידעריג צו דער ערד, גלייך ווי ער וואָלט וועלען אַ ביסעל אויסרוהען אויף איהר גרינעם גראָז און זיך אָנשמעקען מיט דער פריהלינגס-דופט.

און די נאַכט איז אַ שטילע.

עס הערט זיך נאָר פון דערווייטענס דאָס פייפען פון אַ לאָ-קאָמאָטיוו, וועלכער לאָזט זיך ערגעץ-וואו אין דער ווייטער וועלט אריין. און אָהן רוה און ראַסט פראָטעסטירט ער, צאָרנט, טענה'ט ווילד, און יאָמערט ביים געזעגענען.

די וועלט איז שטיל. און עס דאַכט זיך, אַז זי טרויערט און פיינקט.

אומבעוועגליך שטעהען די הויכע טאָפּאָלען, שוואַרצע פון דער נאַכט, און זיי קומען אויס, ווי כעס'דיגע ריזען, וואָס האָבען זיך פערזאַמעלט אינאיינעם און בעטראַכטען עפּעס וואָס עס איז צו טהון דער וועלט. זיי שטעהען אומבעוועגליך און שטיל, אַרומגע-הילט פון דער נאַכט.

און זיי געהען ביידע גאַנץ ווייט איינער פון דעם אַנדערן. און זייערע געזעצטע טריט וועקען אויף אַ שרעקעדינגען ווידער-קול אין דער אומבעוועגליכער נאַכט-לופט.

אַמאָל אין אַזוינע שטילע פערטרויערטע, בענקענדיגע פריה-לינגס נעכט פלעגען זיי געהן ביידע גליקליכע, נאָהענטע, פערליעב-טע, און פלעגען זיך היים און הילכיג קושען און וועקען די נאַכט...

אָבער דאָס איז שוין לאַנג, גאַנץ לאַנג געווען. און אַזוי שנעל און אומבעמערקט איז יענע צייַט פערשוואונדען, ווי אַ ליעב ווינ־טעל אין אַ הייסען זומערטאָג — אַ גלעט דאָס פּנים, אַ קיהל — און נישטאָ...

אייַנזאַמע, פרעמדע געהען זיי גאַנץ ווייַט איינער פון צוויי־טען, זינגען בעזונדערע נגונים, האָבען בעזונדערע מחשבות, און בענקען בעזונדער נאָך דער פערגאַנגענער ליעבע אין דער שטילער פערטרויערטער פריהלינגס־נאַכט...

אנ׳אומיסטער נאכטלעגער.

אַנ'אומזיסטער נאַכטלעגער.

(סקיצע)

בעשליסען צו געהן אַהיים האָט זי נישט געקענט: זי איז געווען זיכער, אַז די בעל־הבית'טע שלאָפט נאָך נישט און זיצט און וואַרט אויף איהר קומען. וואָס פאַר אַ תירוץ וועט זי איהר היינט זאָגען, אַז אין דער פריה, אַוועקגעהענדיג פון דער היים, האָט זי איהר אַזוי פעסט צוגעזאָגט ברענגען געלד?

זי וואָלט שוין אפשר געפונען אַ תירוץ, נאָך אַ תירוץ דאַרף מען אין וואַלד נישט געהן, אָבער וואו נעהמט מען עזות אַרויסצוזאָגען דער בעל־הבית'טע, אַז זי זאָל ווידער גלויבען? ניין, זי קען עס נישט. אַ חודש נאָכאַנאַנד האָט זי איהר געזאָגט אַלע תרוצים און איצט האָט זי שוין אין זיך ניט געפונען קיין עזות!

אָבער וואוהין זאָל זי פאָרט געהן נעכטיגען? אַ וואונדערבאַרע זאַך: זינט זי האָט ניט געהאַט קיין אַרבייט, און האָט געדאַרפט לעבען פון דעם געליהענעם קליין געלד, איז עפּעס איהר גאַנצער „איך" ווי צובראָקעלט געוואָרען און זי האָט אינגאַנצען פערלאָרען איהר דרייסטקייט.

און איצט, געהענדיג איבער דער גרויסער שלאָפענדיגער שטאָדט, האָט זי עפּעס דערפיהלט אַזאַ מין עלענד, גלייך ווי זי וואָלט אַרויסגעקומען פון די שטיינער פון ברוק.

אָבער וואוהין זאָל זי פאָרט געהן נעכטיגען?

„צו ליזען? — ניין!"

„צו עמען?" זי בעציהט זיך צו איהר זעהר גוט, אָבער זי וועט זיך קאָמפּראָמעטירען פאַר עמעס עלטערן, וועלכע מיינען,

אַז זי ברענגט די רעוואָלוציאָן — און זי וויל אַוועקגעהן ווייטער .

עס ווערט שפּעט. די גאַסען זענען פּוסט, און די גאַנצע שטאָדט, פערוויקעלט מיט חוואַליעס פינסטערניש, רוהט נאָכ'ן טאָג , ווי דער ים נאָכ'ן שטורם .

און געהענדיג איבער די לעערע גאַסען, אַליין און ניט וויסענדיג וואוהין צו געהן , און צו קומען , וואַקסט אויס אַ פערצווייפלונג. די הויכע מויערן, מיט די פעסט פערשפּאַרטע טהירען און טויערן , מאַכען נאָך שרעקליכער די פערצווייפלונג און טיעפער דאָס עלענד .

זי האָט אַ סך בעקאַנטע , דאָך געפינט זי אין זיך נישט קיין דרייסטקייט אָנצוקלאַפּען צו איינעם פון זיי . זי ווערט אויף זיך אַליין בייז פאַר איהר שוואַכקייט און בעשליסט צו געהן צו עמען, צו דער רייכער עמען, און זאָלען חאָטש איהרע עלטערן זיך דערשרעקען און מיינען, אַז עס קלאַפּען צו זיי אין טהיר די רעוואָלוציאָנערען פון אַלע לענדער, אָבער זי קאָן מעהר ניט אַרומגעהן איבער די לעערע גאַסען .

דערווייל ווערט אויסגעלאָשען די עלעקטרי , און אַ שוואַרצע נאַכט בעדעקט די שטאָדט. ווייט אין הימעל לייכטען שטערן , אָבער זיי לייכטען אין איהם און פאַר איהם , און מיט ניט-זיכערע טריט לאָזט זי זיך געהן ווייטער .

אויפ'ן ראָג גאַס שטעהט דער גאָראָדאָוואָי . און באַלד פליהט איהר דורך אין קאָפּ , אַז זי וועט צוגעהן צו איהם און וועט איהם גאָר בעטען, ער זאָל זי אָבפיהרען אין צירקעל. באַלד דערשרעקט זי זיך פאַר דעם דאָזיגען אומזיניגען געדאַנק — מיט דעם אייגענעם ווילען אין טורמע .

אָבער ווען זי שטעהט לאַנג ביי דעם טויער פון דעם הויכען שטרענגען מויער , וואו עס וואוינט איהר רייכע חבר'טע עמע , און זי וויל אָנקלאַפּען , פערלירט זי אויף אַזוי פיעל איהר מוט און דרייסטקייט , אַז איהר נעהמט זיך דאַכטען , אַז ס'וואָלט שוין פיעל לייכט גלייכער געוועזן צו בעטען דעם גאָראָדאָוואָי, זי אָבצופיהרען אין צירקעל , אָדער צו געהן אַהיים . ס'איז שוין אַזוי שפּעט, און אפשר שלאָפט שוין די בעל-הבית'טע. אָבער וואָס וועט זי איהר זאָגען מאָרגען פריה?

און אין טיפער פערצווייפלונג בלייבט זי שטעהן אויפ'ן מיטען טראַטואַר . וואוהין זאָל זי געהן ?

פאַרביי איהר איז דורכגעגאַנגען אַנ'אָפיציר , און דורך זיינע פעסטע , זילבערנע טריט האָבען הילכיג געקלונגען זיינע שפּאָרען. בעמערקענדיג , ווי זי שטעהט אומבעוועגליך , גלייך ווי זי וואַרט אויף וואָס , האָט ער זי געגעבען אַ ציה פאַר'ן האַנד — „קום״ ! האָט ער געזאָגט הויך און בעפעהלענד .

און ווי אַ בליץ פליהט איהר דורך אַ געדאַנק , אַז ווען זי געהט אַוועק אָט מיט דעם דאָזיגען שלאַנקען אָפיציר , וועט דאָס זיין אַ שטאַרקע נקמה ; מיט דעם וועט זי זיך נוקם זיין אָן אַלע איהרע בעקאַנטע , אָן דער גאַנצער רוהיג שלאָפענדיגער שטאָדט , וואָס האָט טהיר און טויער פאַר איהר פערשפּאַרט. זי וועט אפילו נעהמען נקמה פון זיך אַליין , וואָס זי איז געוואָרען אַזוי שוואַך, און ניט דרייסט , און פערלאָרען .

אָבער , אַז דער אָפיציר פרעגט, וואָס איז זי עפּעס אַזוי פערטראַכט, אַז עס פּאַסט גאָרניט פאַר „איהריגע״ , אַז זי איז נאָך קענטיג ניט לאַנג געקומען אויף דעם וועג , נאָר איהם געפעלט דאָס נאָך בעסער, אַז אַ גלעזעל ווייןֿ וועט זי מאַכען פרעהליך, אַז . . .

ער האָט גערעדט גאַנץ שטיל , אָבער יעדעס וואָרט האָט איהר געקלאַפּט אין קאָפּ ווי אַ האַרמאַט .

און מיט אַ שטים פון אַ מענשען , וואָס שטעהט פאַר'ן טיעפען אָבגרונד , וועלכער וויל איהם איינשלינגען האָט זי געגעבען אַ געשריי :

— גראַדאָוואָי ! ! !

„זי איז אַ משוגענע״ , האָט זיך דערשראָקען דער אָפיציר , האָט זי געגעבען אַ שטאַרקען שטויס פון זיך און איז שנעל אַוועקגעגאַנגען, קלינגענדיג הילכיג מיט די שפּאָרען .

ווען דער גאָראָדאָוואָי איז צוגעגאַנגען, איז זי געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דעם טעלעגראַפישען סלופּ און האָט היסטעריש געוויינט .

דערזעהענדיג זי אין אַזאַ פּאָזע , איז עס דעם גאָראָדאָוואָי

געוואָרען פערדעלטיג, און גראָב און רוגזה׳דיג האָט ער געזאָגט:

— עי, וואָס שרעקסטו מענשען אין די גאַסען?

— ער דוצט זי, אַך וויפיעל ערנידערונג . . . זי מוז אַנטלויפען, וואוהין — מאַכט איהר שוין ניט אויס, חאָטש אויפ׳ן דעק פון טייך!

— וואוהין לויפסטו? פערשטעלט איהר דעם וועג דער גאָראָראָזאַי, וועלכען זי קומט אויס מיט יעדער מינוט פערדעלטיגער.

ענטפערן איהם, וואָס ער דוצט זי, קען זי נישט. זי האָט פאַר איהם נישט אַ פאַסענד וואָרט, וואָס זאָל איהם בעצאָהלען פאַר דער בעליידיגונג.

מיט דעם, וואָס זי וועט איהם אָנרופען מוזשיק, חאַם, וועט זי איהם דען בעצאָהלען? ווי די שטילע נאַכט שווייגט זי. דאַמאָלס גיט דער גאָראָדאָוואָי אַ פייף. און ווי ניט־גוטע קומען צולויפען שנעל נאָך צוויי גאָראָדאָוואָיס. ער בעפעהלט זיי זי אָבצופיהרען אין צירקעל . . .

אויף מאָרגען האָבען זיך איהרע בעקאַנטע דערוואוסט, אַז זי איז אַרעסטירט, און האָבען בעדויערט. נאָך מעהר האָט בעדויערט די בעל־הבית׳טע פון דער קוואַרטיר.

די השגחה.

די השגחה.

(דערצעהלט פון דער באבען).

וואס הייסט מורא? מורא צו מורא איז אפנים גלייך? ניט שייך צו זאגען מורא — אלע ווילען לעבען, נאר מיין אימה איז געוועזען א בייזע, פונקט ווי דער מלאך המות האט זיך נאך מיר שטענדיג נאכגעיאגט. מ'איז יונג געוועזען — פערנארישט... מ'האט געמיינט, אז די גאנצע וועלט איז פון דיינטוועגען, און ס'האט זיך געוואלט זי איינשלינגען. נאר דער, וואס איך טאר ניט דערמאהנען, בעשאפט דאך מסתמא אזוי דעם זינדיגען מענשען... אין דעם ליעגט זיין השגחה, זיין גוטער רצון. א קאטאוועס... ניט שייך, אז מען וואלט מיט פופציג יאהר צוריק קומען זאגען אייער באבען, אז זי אליין וועט געהן פאר זיך קויפען אנ'אייביגען ארט: שייך, זי וואלט יענעם פאר'ן טשופרינע ארויסגעטריבען! געהן צוגרייטען זיך א קבר! אבער דאס וועל איך אייך דערצעהלען, ווי גרויס זיין השגחה איז! עס ווערט רעכט... עס ווילט זיך אהין אויף דער אמת'ער וועלט... אויסרוהען ווילט זיך, מיעד און מאט בין איך שוין, צוטריקענט די ביינער, דער מארך... אכציג יאהר, קינדערלעך, איז ניט קיין טאג... ניט אומזיסט, ניט אומזיסט איז מיין פנים געווארען אין טיעפע פאלדען, אין טיעפע פאלדען, ווי אייערע מאדישע קליידער צילעגט, גאר ניט אומזיסט, קינדערליך! יא, איך וויל אייך דערצעהלען, ווי אזוי ס'איז אנטרונען די מורא, ווי זי איז געוועזען און זי איז אנטרונען. ס'איז א מעשה אודאי פון א יאהר פינף און פערציג, אויב ניט מעהר... מיר האבען דאמאלס געוואוינט אין קליין שטעדטיל. דער זיידע, עליו השלום, האט געהאלטען

אַ ברויז. כך הוה ברענט אָב אונזער שטעדטיל פון עק ביז עק. איין געסעל איז געבליבען. די קראָמען מיט'ן מארק זענען אראָב, און ס'איז פון זיי ניט געבליבען קיין שריד ופליט. די ליימענע איוועגס זענען נאָר געבליבען, ווי אַ בית־עולם האָט דער מאַרק אויסגעזעהן, און די ליימענע איוועגס, ווי קברים. ביינאַכט פלעגט פשוט זיין אַ פחד אַרויסגעהן. הינד פלעגען רייסען די ערד און וואָיען, ווי נאָך אַ בר־מינן.

יאָ ס'איז געווען צרות. נאָר בקיצור. מען האָט זיך אַריינגעחאַפּט צו עטליכע געזינדען אין אַ שטיבעל. כך הוה דאַרף נאָך אָבברענגען דער קברות־מאַן אויך. און וואו דאַרף ער זיך גראָד אַריינקלייבען וואוינען? — נעבען מיר. אַ פענסטער נעבען אַ פענסטער, אַ טיר נעבען אַ טיר... וועה געשריען... איך פלעג ניט עסען און ניט שלאָפען. איך פלעג פאַר איהם פערציטערט ווערען, גלייך ווי איך וואָלט זעהן פאַר מיינע אויגען דעם טויט. איך בין קראַנק געוואָרען פון איהם. כ'פלעג זיך זעצען עסען, אַהאַ, כ'גיב אַ קוק אין פענסטער — ער שטעהט שוין, און נעהם, בעהאַלט זיך פון איהם... איך טאַנץ מיט אַן 'עופ'עלע, מ'איז נאָך אַ יוגענד, אַהאַ ער קוקט שוין ווידער. קורץ ריידענדיג איך בין קראַנק געוואָרען אויף אַ געלעגער און פון היץ פלעג איך נאָר רופען און טרייבען דעם קברות־מאַן.

ס'איז ניט אויסצודערצעהלען מיין אימה פאַר'ן טויט. פלעגט זיך מיר חלומ'ען עפּיס אַ חלום, ניט ווי איך מיין, פלעגט שוין זיין פאַרביי דאָס לעבען. געלאָפען צום רב, געפאַסט אַ תענית... אַ גרויסע אימה. און איצט איז די אימה אַנטרונען, און עס ווילט זיך אַהין.

אַכציג יאָהר — איז ניט קיין טאָג. אוי, קינדערליך, פיעל וואַסערן זענען אַריבער, פיעל טייכען זענען אויסגעטריקענט געוואָרען... וויפיעל בוימער זענען ביי מיר געפאַלען, איינגעבראָכען געוואָרען, בוימער יונגע, וואָס איך האָב מיט מיין בלוט אויסגעפילעוועט... און זיי זענען פאַר מיין לעבען איינגעבראָכען געוואָרען... יאָ, זיין השגחה. איהר ווייסט דאָך, ס'איז אלול, נו בין איך געגאַנגען אויף קבר־אבות. ס'איז געווען אַזוי שען־דרויסען, די בוימער האָבען געהודזעט אַזוי רוהיג, ווי אין אַ שענעם גאָרטען, וואו מען דאַרף

אַ חופּה שטעלען, און אַלע קברים, בּעוואַקסענע מיט בּלומען, מיט גראָז, קוקען זיך אַזוי רוהיג אויף גאַנץ הימעל, אויף זיין אייביגע וועלט...

אַ סך בּעקאַנטע קברים האָבּ איך געזעהן. מיין אויג איז שוין טונקעל, און פונדעסטוועגען האָבּ איך פיעל בּעקאָנטע נעמען געזעהען אויף די אַלטע אָבּגעבּראָכענע מצבות. אַ סך מיינע חבר'טעם. אַ סך נאָך יונגערע פון מיר. וואָס מאַכט אוים? אַלטע און יונגע, זקנים און קינדער — אַלע קומען אהין. און דאָרטען איז געווען מיר אַזוי גוט. און ס'האָט זיך מיר געדולכט, אַז ס'איז נאָר איין פאָרדים, וואָס רייסט זיך קיינמאָל גאָרניט איבּער...

איינער זיידענס קבר איז געוואָרען גלייך שוין מיט דער ערד. די מצבה האָט זיך אָנגעבּויגען, איינגעהויקערט, לאַנג שוין ניט פערריכט. נעבּען זיין קבר איז פאַרהאַן אַ ליידיג אָרט... אַ ליידיג אָרט... און אָט דאָס דאָזיגע אָרט האָבּ איך פאַר זיך געקויפט, פאַר זיך צוגעגרייט. און אָהן אימה, גלייך ווי איך דינג זיך אָנ'אַנדער דירה... איך האָבּ מיך אַליין געפרעגט, וואו איז די אימה, די בּייזע אימה? אַנטרונען! היינט פרעג איך אייך, קינדערליך, זאָגט שוין איהר, איז דאָ ניט זיין גרויסע השגחה? זיין גרויסע השגחה איבּער דעם זינדיגען מענשען?

אנ׳ערב שבועות.

אַנ'ערב שבועות.

(דערציילט פון אַ בעקאַנטען).

אַז איך האָב אייך צוגעזאָגט, וועל איך שוין דערצעהלען. איהר ווייסט דאָך פון מיין פעהלער, אַז איך האָב ליעב צו ערפילען, וואָס איך זאָג צו, אָבער דערנאָך, קאָן זיין, וועלען מיר אַלע חרטה האָבען — איך, וואָס איך האָב דערצעהלט — איהר, וואָס איהר האָט אויסגעהערט, ווייל צוריקגערעדט, איז עס אַ גאַנץ געוועהנליכע מעשה. אָדער גאָר קיין מעשה ניט.

דעמאָלט בין איך געווען נאָך אַ קליין יונגעל און פלעג קענען גאַנץ אונגעשטערט שטיפען ביי דעם שטילען אַקאָמפּאָניעמענט פון דעם טאַטענס זיפצען און דער מאַמעס לייכטע מוסר־רייד. די זאָרג פון פרנסה איז אויף אונז, קינדער, ניט געלעגען.

מיר האָבען שוין געוואוסט, אַז ווען מיר וועלען קומען פון חדר, וועלען מיר אפשר ניט דערווישען קיין גוטע זאַכען, ווי אַנדערע קינדער, אָבער עס וועט זיין ווייס ברויט און דאָס, פלעגט זאָגען די מאַמע, אין אויך ניט ביי אַלעמען פאַרהאַן. אויסער ברויט פלעגט מען ביי איהר אויך אַמאָל קריגען קעז, אַ שטיקעל ברויט מיט פוטער, אָבער ווי די דאָזיגע מאכלים פלעגען איהר אָנקומען, דאָס פלעגט שוין אונז, קינדער, ניט אינטערעסירען...

אָבער אין יענעם טאָג בין איך עפּעס ווי מיט אַמאָל אויסגעוואַקסען, אַנ'אַנדערער געוואָרען — פערביסען, ערנסט,

אַלט, הגם בײַ אונז אין שטוב האָט דאַמאָלס גאָרנישט פּאַסירט אונגעװױנהליכעס. —

עס האָט נאָר שטרענגער אַ דראָהע געטהאָן די נױט און דער הונגער האָט בעװיזען זײַנע דאַרע שפּיציגע פױסטען...

איך געדענק: אױף מאָרגען האָט בעדאַרפט זײַן שבועות. עס זענען געװען זעהר שענע טעג, װאַרימע, העלע. פון חדר האָט מען געלאָזען פרײַ. און מיר, קלײנע יונגלעך, זענען געלאָפען אין לוצקער גאַס זעהן, װאָס מאַכען די בעריאָזעס, צי איז שױן פאַרטיג אונזער מאַי. גרינע אױסגעפּוצטע, זענען זײ געשטאַנען און האָבען זיך געשאָקעלט, געמאַכט מיט די הענד, גלײַך װי זײ װאָלטען דעם פריהלינג דערצעהלט, װאָס זײַ האָבען זיך אױסגעשטאַנען פון דעם קאַלטען אכזר דעם װינטער. זײ האָט אַרומגערינגעלט אַ רײַך בעציהרטעס פעלד. בלױ, פיעל-פאַרביג, מיט װײַסע װאָלקען איז דער הימעל געלעגען איבער זײ, און איבער הימעל און ערד, איבער פעלד און װאַלד האָט געװעלטיגט דער פריהלינג, מיט זײַנע פױגלעך און מיט זײַן גאַנצען חן. אונז קינדער איז געװען אַזױ גוט, אַזױ פרעהליך און לײַכט. לײַכטע, װי די פױגלעך מיט די פליגלען האָבען מיר געקלעטערט פון אײן בױם אױף אַ צװײטען, און עס האָט זיך אונז געדוכט, אַז מיר זענען פױגלעך, און אָט קענען מיר זיך אױפהױבען און פערשװינדען צװישען די װײַסע װאָלקען, און דאָרט צום זיבעטען הימעל דערגרײכען!

אַז איך בין געקומען אַהײם, האָט מיר עפּעס מאָדנע אױסגעזעהן אונזער שטוב און די שטוביגע, דער טאַטע איז געשטאַנען נעבען פענסטער און האָט געשװינד געשריבען מיט׳ן פינגער איבער די העלע, מיט זון בעגאָסענע שױבען. די מאַמע איז געזעסען אַ פערזאָרגטע, אַ פערזאָרגטע און האָט געשטריקט אַ זאָק.

איך האָט געװאָלט בעטען עסען, אָבער עפּעס האָב איך ניט געקענט אױסרײדען, האָב איך געװאָלט פרעגען, װאָס איז דאָ געשעהן, איז עס מיר עפּעס אױך געװען שװער.

— איך האָב געבעטען עסען.

— הײַנט איז ניטאָ װאָס צו עסען, — האָט געזאָגט די

מאַמע מיט אַזאַ שמייכעל, גלייך ווי זי וואָלט זיך פאַר מיר ווע־לען פערענטפערן.

— איך וויל ברויט, — האָב איך גאַנץ שטיל געזאָגט.

— ס׳איז קיין ברויט נישטאָ — האָט די מאַמע ווידער גע־שמייכעלט מיט דעמזעלבען שמייכעל.

דער טאַטע האָט אָנגעהויבען עפּיס אונטערזינגען, און דאָס פלעגט שוין טרעפען אין די ערגסטע מינוטען. אין יענע מינוטען פלעגען שוין די צוויי קלענערע שוועסטערקעס אויך אפילו מורא האָבען עפּיס בעטען אָדער בכלל שטיפען.

איך האָב גאָרנישט געענטפערט, נאָר אין האַרצען האָט זיך ביי מיר אָנגעצונדען אַזאַ ווילדער כעס, און מיינט איהר צו וועמען. צו דער מאַמען?! צום טאַטען?! אָ, ניין! זיי האָב איך דאַמאָלס אַזוי ליעב געהאַט, און זיי האָבען מיר אַזוי לייד געטאָן!

דער ווילדער צאָרן איז ביי מיר געווען אויף — גאָט...

— פאַרוואָס? — האָב איך זיך געפרעגט: פאַרוואָס?

„ס׳איז קיין ברויט ניטאָ“, די דאָזיגע ווערטער האָבען מיר געקלאַפּט מאָדנע אין קאָפּ.

ביי אונז ניטאָ קיין ברויט!

אין שטעדטיל ביי אונז איז געווען אַ ווייבעל. דער מאַן האָט זי פערלאָזען, און זי פלעגט אָפט זיצען און הונגערן, און מיין מאַמע פלעגט מיט מיר שיקען דעם דאָזיגען ווייבעל ברויט, און איצט זיצען מיר אַליין אָהן ברויט! ווילד!

מיין קינדערשער קאָפּ האָט דאָס ניט געקענט בעגרעהמען, און מיין קינדיש האַרץ האָט ניט געקענט מיט דעם מסכים זיין.

אמת, מיין פאָטער איז דאַן אַ לאַנגע צייט געזעסען אָהן אַ שטעלע און מען האָט אַלץ געלעבט פון שווינדעל און זאָרג, אָבער ברויט און דוקא ווייסעס איז שטענדיג געווען. און מיט אַמאָל אונגעריכט אַזוי.

איך האָב זעהר געוואָלט עסען.

און כדי עס זאָל זיך אַזוי שטאַרק ניט ווילען עסען, האָב איך זיך איינגענורעט אין קישען און געוואָלט איינשלאָפען, אָבער עס האָט זיך ניט געקענט.

„אַז עס וואָלט זיך חאָטש ניט אונטערגערוקט דער שבועות, — האָט געזאָגט די מאַמע, ניט ווענדענדיג זיך צום טאַטען נאָר גלאַט אין דער וועלט אַריין. „עס ווילט זיך ניט יום־טוב צו פערשטערען”.

מאַמישע, לאָמיר פערשטערען יום־טוב, לאָמיר פערשטערען, לאָמיר ווערען רשעים, — האָט זיך מיר געוואָלט אויסשרייען און אָבטון עפּיס גאָט, פאַרוואָס ער שטראָפט אונז אַזוי! לאָמיר ווערען רשעים, וועט אונז זיין גוט, ווי לייב־זעליג'ן דעם גביר, וואָס אַלע רופען איהם רשע מרושע!

ס'איז אַריבער אַ לאַנגע צייט, שווער איז אונז געווען אין שטוב. גלייך ווי עס וואָלט זיך דאָס גרעסטע אומגליק געטראָפען. נאָר פאַרנאַכטליך איז דער טאַטע אַוועק צו זיינם אַ שוועסטערקינד, וועלכע ער האָט זעהר ניט ליעב געהאַט, אָבער צו וועלכער ער פלעגט זיך ווענדען אַמאָל אין גאָר שלעכטע מינוטען.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און ער איז געקומען צוריק. ער מיט דער מאַמען האָבען לאַנג געשמועסט, און גלייך איז די מאַמע אַוועק און האָט געבראַכט אַ ווייסען לאַבען ברויט.

אויף מאָרגען איז געווען שבועות. אונזער שטוב איז געווען בעצירט מיט מאַי, מיט פייגעלעך פון אייער־שאָלעכץ, וואָס די מאַמע פלעגט קונציג מאַכען, עס איז געווען אָבגעבאַקט חלה — און אַלץ ווי געהעריג איז, ווי עס וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען קיין נויט. די מאַמע האָט מורא געהאַט יום־טוב צו פערשטערען . . .

קוואַרטיראַנטען.

קווארטיראנטען.

(א בילד)

ביי זעלדע דער טענטלערין געפינט זיך חוץ דער אלמנה מיט איהר טאכטער נאך צוויי שכנים, אדער, ווי זי רופט זיי, קווארטיראנטען — א קווארטיראנט מיט א קווארטיראנטין. די קווארטיראנטין איז א ביטאגיגע, דער קווארטיראנט — א ביינאכטיגער. די קווארטיראנטין האט ביי איהר געדונגען א גרויסען ווייסען, ניט־געפארבטען טיש אויף מאכען פאפיראסען, און זי צאהלט פאר איהם א רובל א חדש און האט רעכט פאר איהם צו זיצען און ארבייטען פון אכט פריה ביז אכט אווענד — אזוי איז אויסגערעדט געווארען ביים דינגען.

פון אכט אין אווענד געהערט שוין דער טיש אינגאנצען זעלדען, און קיין זכר פון פאפיראסען דארף שוין אויף איהם ניט זיין. דאס איז אלץ געווען אויסגערעדט.

דער קווארטיראנט דער ביינאכטיגער האט ביי איהר געדונגען א הארטע סאפקע פאר צעהן גילדען א חדש — איז נאר אויף נעכטיגען. טיי אין דער־פריה, ווען מען שטעלט דעם סאמאוואר, אדער ווען מען זידט אויף א ליאק, מעג ער טרינקען, אבער טאמער טרעפט, אז עס איז ניטא קיין טיי, — ס'איז ניטא קיין צייט, אדער עס מאכט זיך אן אנדער סיבה — איז צו איהר קיין טענות ניטא. אזוי רעדט זי אויס שטענדיג, ביים פערדינגען, מיט יעדערן. און ווען אמאל טרעפט, אז דער ביינאכטיגער געהט אהן ארבייט און האט ניט וואו צו זיין ביי־טאג און קומט צו זיך אויפ'ן סטאנציע, איז זעלדע דערפון גארניט צופרידען

און ברייהט איהם אויף יעדען טריט און שריט. וואו ער זעצט זיך — דארטען דארף זי. זיצט ער נעבען קאמאד, דארף זי צום קאמאד, זיצט ער נעבען אויווען, וויל זי אויך צום אויווען, שטעהט ער נעבען פענסטער — דארף זי גראד צום פענסטער.

— מיר האט זיך געדאכט, אז א לויה, ניט דא געדאכט,

— פערענטפערט זי זיך כלומר'שט, אבגעהענדיג פון פענסטער און רוקענדיג זיך צו איהם צום אויווען.

און דער בייגאלטיגער, ניט אויסהאלטענדיג איהרע פער־פאלגונגען, מורמעלט ארויס:

— מען דארף א ביסעל געהן אין גאס...

און ווי ער געהט נאר ארויס, ווענדט זיך זעלדע צו דער בייטאגיגער פאפיראסניצע און זאגט:

— אט דאס האב איך געמיינ. בייטאג איז ער מיט מיר קיין מחותן ניט. פערשטעהסט! אויסגערערט איז אויסגערעדט!

די פאפיראסניצע שווייגט — איצט איז זי די יחסנ'טע: ס'־איז בייטאג...

בייגאכט קומט ביילע די אלמנה מיט איהר גרויסען קויש, אמאל מיט איבערגעבליבענע עפעל, אמאל אהן — ווי דער טאג בעגליקט.

צו איהר איז שוין זעלדע די טענטלערין גנעדיגער. צו איהר ווענדט זי שוין ניט אן איהר אלמעכטיגען „אויסגערעדט." הגם ביילע די אלמנה אין ניט פון די — זי האט פיינד אנצוטרעטען, און שטענדיג, אז איהר טאכטער — שבת צי יום־טוב, ווען זי איז ליידיג פון פאבריק — וויל אריין צו זעלדען און לעזען עפעס, וואס די געלערנטע פון פאבריק גיבען איהר, לאזט איהר ביילע ניט...

— מען דארף ניט, מיין טאכטער. נישקשה, יונגינקע אויגע־ליך, וועסט דערזעהן אין קאמער אויך. האלט אפען דאס טהירעל. דו ווייסט דאך, אז ביי איהר וואס געדונגען, איז געדונגען. זיץ אין קאמער, וואס קען מען העלפען.

נאר זעלדע רופט זיי אליין צו זיך. פאר ביילען האט זי גרויס רעספעקט. זי געדענקט, אז אמאל איז ביילע געווען א גרויסע בעל־הבית'טע און האט ביי זיך געהאלטען קווארטיראנטען

און שכנים, — און ביי גאָט אין די הענד זענען דאָך אַלע.

ווער ווייס, וואָס וועט מיט איהר זיין אַמאָל. ווער ווייס, ביי וועמען זי קען נאָך אַמאָל אַ שכנה זיין. ביי די מחשבות ווערט זי ווייכער, אַפילו ווען דער ביינאַכטיגער קומט ביימאָג...

ביילען רופט זי צו זיך אין שטוב, איז איהר מכבד מיט טיי, מיט ראַבענעס־סאָק, וואָס זי האָט אָבגעקויפט ביי אַ פריצ־טע מיט נאָך גאַנצע זאַכען. פאַר ביילען דערצעהלט זי אויס דאָס גאַנצע האַרץ איהרס; וואָס די קינדער שרייבען פון אַמע־ריקאַ, מסר'ט אָפט אויפ'ן מאַן.

און ביילע הערט, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און אויפ'ן פּנים סמאַרעט זי זיך אויסצודריקען וואָס מעהר אויפמערקזאַמקייט...

— נו, ווי געפעלט אייך די ראַבינעס?

— אַ בחיר, — ענטפערט ביילע, — עס געהט אָב דאָס האַרץ... אַמאָל — רעדט זי מיט אַ וויינענדיגען קול — פלעגט ביי מיר שטעהן סאָק פון יאָהר צו יאָהר, פולע אַלמערס סאָק, אַז ער עליו השלום האָט געלעבט.

זעלדע די טענטלערין מאַכט אַנ'אומעטיגע מינע און חאַפּט זיך אָנגיסען ביילע דער אַלמנה נאָך אַ גלאָז טיי, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט דערמיט איינקויפען ביי גאָט אין לאַסקע, ער זאָל זי חלילה ניט שטראָפען ווי ביילען.

און ווען עס נעהמט געהן דער גרויסער יום־טוב פּסח, און זעלדע באַקט אָב מצה פריהער פאַר ביילען, שטעלט בוריקעס פריהער, קויפט אַ פּאָר הענער, דאַמאָלס איז זי זעהר אונ־טערטעניג ביילען, ווייל זי געדענקט — אַמאָל, ווען ביילע איז געווען די גרויסע בעל־הבית'טע, און ווען זי האָט ביי זיך גע־האַלטען שכנים און קוואַרטיראַנטען, ביימאָגיגע און ביינאַכטיגע, און קוואַרטיראַנטען קעסטניקעס, פלעגען ביי איהר אומגעהן גרוי־סע עופות. עד היום שטעהט נאָך איהר פאַר די אויגען דער גרויסער גאַלאַנאָנסקער האָהן, פאַר וועלכען מען האָט איהר אַמאָל אין זויל־צייט געבאָטען צוויי רובל, און זי האָט ניט פערקויפט. און איצט וואוינט זי ביי איהר, זעלדע דער טענטלערין, אין קאַמערל און דאַרף ליידען פון פרעמדע הענער...

און זעלדע דער טענטלערין געהט דער יום־טוב ממש

ניט אײן. װאָס זי קװעלט און װאָס זי עסט — איז זי אין אײן שרעק — צי בײלע די אלמנה פערגינט איהר חאטש, צי װעט זי איהר קײן עין הרע ניט געבען, חלילה.

און אַ גאַנץ יום־טוב איז זי איהר מכבד: דאָ מיט אַ קנײ־דעל, דאָ מיט אַ שטיקעל טײגעכטס. — װאָס זאָל מען טהון — אַנ'אלמנה!...

דאס גרויסע געווינס.

דאָס גרויסע געווינס.

(דיאַלאָגען)

פּערזאָנען:

חיים — אַ געלער ייד פון אַ יאָהר 45, האַנדעלט מיט לאָטעריי-צעטלען.

דבורה — זיין צווייטעס ווייב, אַ יאָהר 30, אַ שענע, אָבער אַ בייזע און אַשרייערין, שטענדיג אונצופרידען.

ברײנדעל — די עלטסטע טאָכטער ⎫ חיים'ס קינדער פון דעם ערשטען

מירל — אַ צעהן-יעהריג מיידעל ⎭ ווייב.

עטיל — אַ יונג שען מיידעל, ברײנדל'ס אַ חבר'טע.

זעליג — אַנ'אַלטער מלמד.

ווייבער פון שטעדטיל.

די האַנדלונג קומט פאָר ביי חיים'ען אין שטוב.

אַ קליינשטעדטילדיג אָרעם בעל-הבתיש הויז, ריין אויפגערוימט. דורך די צוויי פענסטער, וואָס זענען אָפען אין דער הינטער-וואַנד, זעהען זיך צוויי גרינע בוימער.

(אַ בלויער הימעל און אַ העלער זומער-טאָג).

ערשטער אויפטריט.

בריינדעל און עטיל.

בריינדעל: (א מיידעל פון א יאהר צוואנציג, הויך גע־וואקסען, מיט רויטע האהר ווי ביי דעם פאטער, אבער מיט שווארצע אויגען. איהר געזיכט איז מילד און חנ'עוודיג. זי זיצט נעבען א קליין שפיגעלע און קעמט, איילענדיג, איהרע לאנגע האהר, און ווען זי קעמט זיי אינגאנצען פונאנדער, קו־מען זיי אוים ווי אויפגעקליבענע זונען־שטראהלען, אדער ווי א שטיק מערב־הימעל, ווען די זון פערגעהט) איך איל מיך זעהר... איך וויל געהן שנעל אבנעהמען דאס בלאט מיט די גרויסע גע־ווינסען, חא, חא, חא! דאס וועט זיין געלעבט, אז מיר וועלען טאקע חאפען א געווינס... חא, חא, חא!

עטיל: (אין דערזעלבער עלטער ווי בריינדעל, אבער גאר אנדערש געבויט: נידריג, מאגער, מיט א בלאס־קרענקליך געזיכט. רעדט שטיל) טא קום שוין געשווינד...

בריינדעל: וועלכען נומער האלסטו?

עטיל: איך געדענק נישט. (נעהמט ארויס א קליינעם צעטעל און לייענט) 8917.

בריינדעל: גוט! זיעבענצעהן איז דער טייטש אויף העברעאיש גוט...

עטיל: (שמייכעלט) מיר וועלען שוין שפעטער זעהן, אויב ס'איז גוט.

בריינדעל: (גלייכט זיך אוים מיט'ן גאנצען קערפער, פון וואס זי קומט אוים הויך און שלאנק) וואס הייסט, אז מיר געווינען עפעס, חאטש דריי טויזענד רובל, לויף איך א טאנץ איבערן גאנצען מארק! (לויפט צו צו עטלען, נעהמט זי ארום) עטעלע, וואס וועט דאס טאקע זיין, אויב מיר וועלען געווינען? חא, חא! גבירים! חא, חא!... זיך געלעגט שלאפען קבצנים און אויפגעשטאנען גבירים! און נאך אפשר גרעסערע פון מאל־באנס. חא, חא! איך וועל טאנצען און שפרינגען!... און קליידער וועל איך זיך שוין אנגייהען, וואס זאלען זיך שען פא־

סען צו מיינע רויטע האָהר... ווי זאָגסטו, עטיל, נישט אזוי?!

עטיל: געווים...

ברײַנדעל: נאַרעלע, אַנ׳אָרימאַן קען זיך גאָרנישט אָנטהון ווי ער וויל.

עטיל: דו האָסט עיטדעקט אַמעריקאַ! אַ נייעס אין שטעדטעל!

ברײַנדעל: טאַקע... אַנ׳אָרימאַן קען גאָרנישט זײַן, ווי ער איז... ווי גאָט האָט איהם בעשאַפען... ער פערלירט זײַן גאַנצען איך... פע... אַ רוח אין דלות טאַטען אַרײַן!

עטיל: (לאַכט) אַ נײַע קללה...

ברײַנדעל: (וואַרפט אַרויף אויף זיך אַ גרוים שוואַרץ טוך און איז גרייט צו געהן) גאַטעניו, דאָס גרויסע געווינס אונז!... מיר מיט דיר, עטעלע... געלעגט זיך שלאָפען קבצנים! ממש אָהן וועטשערע און קענען באַלד ווערען די גרעסטע גבירים... חאַ=חאַ=חאַ. (עטיל לאַכט נאָך איהר שטי=לער, גלײַך ווי איהר ווידערקול. ביידע אָב).

צווייטער אויפטריט.

(עס קומט אַרײַן דבורה, נאָך איהר געהט חיים מיט׳ן טלית אונ=טער׳ן אָרעם.)

דבורה: (זי שיט אוים שצאַוועל אויפ׳ן טיש) אַזוי פיעל צרות, אַזוי פיעל... אַזאַ דלות! חיים! (זעצט זיך ביים טיש, נעהמט אַרוים פון טאַש דאָס ביכעל, אַ פּאָר לאָטערײַ=צעט=לען, לייענט פאַר זיך) איך וועל זיך די האָהר רייסען... איך קען דאָס גאָרנישט פערגעסען! פון די הענד האָט ער מיר אַרויסגענומען דעם אָבגעוואויגענעם לאַבען ברויט! אַזוי מיך מבזה צו זײַן!... (זי חאַפּט זיך פאַר׳ן קאָפּ).

חיים: (געהט צו איהר צו און בעט זיך ביי איהר ווי ביי אַ קינד) דבורה׳לע, נאַרעניו, נעהם דיר נישט צום האַר=צען, עס וועט דיר נאָך חלילה פערשאַרטען...

דבורה: (שטופט איהם פיינדליך אב) לאז! לאז! געה גאר צו מיר נישט צו!.. געה נישט!..

חיים: (רוקט זיך אב פון איהר, בלייבט שטעהן אין מיטען שטוב, די הענד אראבגעלאזען, געבראכען).

דבורה: און וואס האב איך דא צו טהון?! און וואס זיץ איך דא? צוליעב וועמעסטוועגען?

חיים: (געהט ווידער צו צו איהר, שטיל מיט א שמייכעל, וואס פאסט נישט צו זיין פערדאגה'ט פנים) דבורה'ניו, נארעניו, און דאס קינד וועט דען נישט זיין מיינס און דיינס?

דבורה: רייד נישט! רייד נישט! איך וויל גארנישט הערען! אלץ איז דא דיינע! (מיט א גיפטיגען געלעכטער) אפילו דער דלות איז דיינער...

חיים: (ווי נישט געהמענדיג אין אכט איהרע זידלערייען) נארעלע, מען קען נאך גארנישט וויסען, סארא שבועות ביי אונז וועט זיין... מען קען נאך גארנישט וויסען, זאג איך דיר... דו שרייסט איצט, זידעלסט מיך מיט'ן דלות און עס קען גאר געמאלט זיין, אז מיר זענען שוין גרויסע עשירים. מען קען גארנישט וויסען, זאג איך... ברייגדעל איז אוועק אויף דער פאסט נאכ'ן בלאט, באלד ברענגט זי עס, וועלען מיר זעהען די נומערן פון די געווינסען! (לוסטיג) דאמאלס וועט שוין גאר דיין מערכה ווערען אנ'אנדערע... חא-חא-חא!

דבורה: (רוגזה'דיג) א, דו גיסט מיר שוין גאנץ לאנג אזוינע האפנונגען!

חיים: לאנג, לאנג און ס'מוז פארט קומען די גוטע שעה. זיין ברכה וועט מקוים ווערען. זי מוז מקוים ווערען ז נישט אומזיסט פאהרט צו איהם א וועלט...

(עס קומט אריין זעליג דער מלמד, א דאר שמאל יודעל מיט א צוטריקענטער, גרויליכער באָרד, רעדט און הוסט צוזאמען. דבורה, ביי זיין אנקומען, געהט שנעל ארויס אין א צווייטען חדר לינקס).

דריטער אויפטריט.

זעליג און חיים.

זעליג: גוט מאָרגען, רב חיים!... (פערהוסט זיך...)

חיים: א גוטער כאַ־גען.

זעליג: הע־הע־הע, מ'האָט בעסער בעדאַרפט זאָגען א גוטער היינט...

חיים: יאָ, בעסער טאַקע א גוטער היינט.

זעליג: (פערהוסט זיך) וואָס הערט זיך עפּעס גוטס?

חיים: מיין טאָכטער איז אַוועק אויף דער פּאָסט נאָך'ן בלאַט, זיצט... גאָט איז גוט און ער קען אונז אַלעמען צושיקען! (געהט הין און צוריק איבערן צימער).

זעליג: הערט איהר, ר' חיים, קיין סך פערלאַנג איך נישט... ניין... דאָס גרויסע געווינס לאָז איך אָב, הע־הע־הע, חאָטש פאַר אייך, ר' חיים! איך פערלאַנג נאָר א ביסעל... איך זאָל קענען אַוועקטראָגען מיינע ביינער קיין ארץ ישראל. איהר ווייסט דאָך פון מיר נישט לאַכען, דאָס איז מיין איינציגער בעגעהר. דאָרטען וואָלט איך מיך איינגעזעצט אין א שוהל, וואָלט געלערנט צו ביסליך... ביז דער, וואָס איך טאָר נישט דערמאָהנען, וואָלט מיך צו זיך גערופען...

חיים: גרייליך קען זיין... פאַרוואָס דען נישט, ר' זעליג? א וועלט מענשען געווינען, פאַרוואָס זאָלט איהר נישט זיין איינער פון זיי?

זעליג: (שמייכעלט) כ'וויים, א מזל האָב איך אביסל א קליינעם...

חיים: (דרייסט) לאָכט דערפון! לאָכט דערפון! ביז מ'לעגט נישט די שערבליך אויף די אויגען, ווייס מען נישט, א גרויסער מזל, א קליינער. מען דאַרף האָבען בטחון, בטחון!— דאָס איז דער עיקר! און א קנעלונג האָט איהר?

זעליג: (גיט א מאַך מיט דער האַנד) פרעגט שוין בעסער גאָרנישט! וואו, ווען! דער חדר מתוקן האָט מיך דער־הרג'עט, איינגאַנצען אַראָבגעזעצט! און טאָמער האָב איך א פּאָר

תלמידים, איז פרעגט שוין גארנישט, וואס איך האב פון זיי, וואס איך שטעה זיך פון זיי אוים! חבוט הקבר אויף דער וועלט! נישט אויסצודערצעהלען!! אוי, פערצאפען זיי מיר די דמים! און וואס ווילען זיי? וואס? מיינט איהר, עס געפעלט זיי נישט מיין לערנען? חלילה! אין חדר מתוקן ווילען זיי, נאר אין חדר מתוקן! צולאזענע קינדער, זאל דער אויבערשטער אויסהיטען. דער ביטערער דלות, די נויט, וואס זאל מען טהון! אונטערן בעט בעהאלטען זיי זיך פון מיר, קענט איהר שוין, ר' חיים, פערשטעהן מיין נחת פון מיינע תלמידים. עט...

חיים:(מיטפיהלענד) א שווערע וועלט!

זעליג: אוי, א ביטערע... אוי, א ביטערע...

(עם לויפט אריין מירל)

פיערטער אויפטריט.

(זעליג, חיים און מירל, א צעהן-יעהריג מיידעל מיט א לוסטיג בעוועגליכען געזיכט, מיט א געקרויזטען קאפ געשווירענע שווארצע האהר).

מירל: (דערזעהט זעליגען, שמייכעלט) גוט-מארגען, רבי!

זעליג: (צערטליך) גוט-יאהר, טאכטערקע! געדענקסט דיין רבי'ן?

מירל: (שעמעוודיג) יא.

חיים: איך לערן מיט איהר אליין צו ביסליך.

זעליג: ס'איז מיט איהר געוועזן א נחת צו לערנען: וויל און האט א גוט קעפעל.

מירל (שמייכעלט) טאטע, אז מיר וועלען געווינען געלד, וועל איך ווידער לערנען ביי ר' זעליג'ן...

חיים: אודאי, געוויס, מיין טאכטער.

זעליג: (מיט א זיפץ) גארנישט ווי מיינע תלמידים... איך האב גראד יונגלעך צולאזענע... די מאמעס הערט מען נישט, די טאטעס זענען אמעריקאנער...

מירל: (געהט צו צום פאטער) איא, טאטע, ס'איז אנ-

אמת, אַז באַלד קענען מיר געווינען דאָס גרויסע געווינס ?

חיים : (שמייכעלט) פאַרוואָס נישט ? . . . מיר קענען געווי- נען . (גלעט איהר געזיכט) .

מירל : (ענטציקט) און מיר קענען ווערען די גרויסע גבירים ? נאָך אפשר גרעסערע פאר מאַלבאַנס ? איא ?

חיים : אַלץ, קינד מיינס, איז מעגליך, אַז גאָט וויל . . .

מירל : דאַמאָלס וועל איך אויך געהן שען געקליידט . . . געווים ! קורצע קליידליך נאַטוראַל, ווי מאַלבאַנ׳ס מיידעל . . . אוי איז זי ביי זיך גרויס . . . (פערטראַכט זיך) איך וועל ביי זיך נישט ווערען גרויס . . .

חיים : (לאַכט) דאָס זאָגסטו נאָר איצט .

מירל : (זיכער) וועסט זעהן .

(עס קומען אַריין צוויי ווייבער)

פינפטער אויפטריט

(דיזעלבע און די צוויי ווייבער)

ביידע ווייבער אין איין קול :

— — — — — — — — — — — —

— אַ גוטער מאָרגען, ר׳ חיים .

— אַ גוט יאָהר, זיצט .

די ערשטע יודענע : (אַ קרענקליך געזיכט, אויף וועל- כען עס ליגען קנייטשען פון זאָרג) וואָס הערט זיך, ר׳ חיים ? עס ווילט זיך דאָס גרויסע געווינס . . . די גאַנצע זיבעציג טויזענד . הי, הי !

זעליג : אַזוי פיעל איז גאָר נישטאָ . . .

די ערשטע יודענע : לאָז איך אייך פאַר ווענינער, אַ מאה אַרויף, אַ מאה אַראָב, נאָר ניט אַהער !

חיים : עפּעס זאָמט זיך מיין טאָכטער, זי איז אַוועק אויף דער פאָסט נאָכ׳ן בלאַט . . .

די צווייטע יודענע : דערווייל לאָמיר זיך אַקאָרשט זעצען (ביידע ווייבער צוזעצען זיך)

זעליג: העַ=העַ ! אין זיסע האָפֿנונגען . . .

חיים: (גייט אומגעדולדיק הין און צוריק איבערן שטוב) יאָ, גאָט איז אַ גוטער, ער קען אַלעמען העלפֿן . . .

די ערשטע יודענע: (ווענדט זיך דאָ צו חיים'ען, דאָ צו זעליגען, דאָ צו איהר שכנ'טע) איהר מיינט דאָך, ר' זעליג, אַז איך נעהם אַ צעטעל, מיין איך, אָדער איך האָף אויף געווינען . . . כ'וויי' ! הויבט זיך גאָרנישט אָן ! ברוך השם פֿון מיין מזל האַלט איך קנאַפּ וואָס . . . נאָר חיים, זאָל געזונד זיין, קען צושטעהן . . . איצטער איז ער, דאַכֿט זיך, גאָר קאַלטבלוטיג, אָבער אַז ער קומט מיט'ן צעטעל, אוי קען ער איינרעדען . . . מיט ניין מאָס רייד — קומט ער, שווער איך אייך . . . און מ'מוז נעהמען . (חיים לאַכֿט) איז מילא, וואו ווערט אַנ'אָרימאַן נישט אָן קיין קערבעל . . . קומט צוגעהן — אַזוי און אַזוי, פֿינפֿטער קלאַס, מ'קען נתעשר ווערען, אַנ'עושר'טע, איז מען דאָך פֿאָרט אַ יודענע מיט אַ גרינגער דעה און מען לאָזט זיך איינרעדען . . . כ'וויים, אפשר וועט דער מזל פֿאָרט אַ שפּיעל טהון . . . אָבער אין גרונד האַלט איך קנאַפּ וואָס . . . עט, עס וועט שוין מסתמא שפּיעלען . . . איך וויל נישט זאָגען וואָס .

חיים: (ווי בעליידיגט) דאָס טויג נישט . מען דאַרף האָבען בטחון, בטחון ; פֿאַרוואָס נישט . . . מ'מוז דאָך געווינען . . . און אַ וועלט מענשען געווינען, אַ נאָווינע דען !

די צווייטע יודינע: (אַ דינע און אַ דאַרע . איינגעוויקעלט אין אַנ'אַלטע צוריסענע פֿאַטשיילע) און איך זאָג אייך (ווענדט זיך צו דער ערשטער יודינע) אַז מען קען גאָרנישט וויסען, וויַל מען ריכֿט זיך נישט, וועט איהר גראָד געווינען, אָט, איהר וועט זעהן ! . . .

די ערשטע יודינע: יאָ, אַמאָל אַז מען ריכֿט זיך נישט, קען קומען די ישועה, און אַמאָל איז פֿערקעהרט : אַ ראיה וועל איך אייך ברענגען — מיין אייגענע טאָכֿטער, איהר קענט דאָך זי (ווענדט זיך צו אַלעמען) נו, איז מיין דוואָשע אַ מיידעל געוועזען אַ בריליאַנט . . . אַ פֿאַרשוין, אַז ליאַלקעס האָבען אין איהר צורה געשפּיעלט . זי פֿלעגט דורכגעהן שפּאַצירען, פֿלעגט זיך ברעכֿען אונטער איהר דער מאַרק ! און איך בין געווען טאַקע מיט איהר

וועהר תקיף, האָב געהאָפט, נישט שייך, נחת האָבען פון איהר אויפ'ן פוד, איז לאָזט זיך צום סוף אוים פידראַך! דאַרף דער שלימזל ברענגען צו מיר עפּעס מיינעס אַ ווייטען קרוב, צום פריזיוו האָט ער דאָ אין שטעדטיל בעדאַרפט שטעהן.. אַ היגער צוגעשריבענער... טהוט גאָט אַ נס און ער ציהט אַרוים אַ גרויסען נומער און בלייבט... על כל פנים איז דער פריזיוו שוין גע'פטר'ט, דער בחור איז אַ שענער, אויף אַ שטעל, נעהמט זעכציג רובל אַ חודש, אַלץ, דאַכט זיך, בעסער ווי געוואונשען, און מיין מיידעל איז איהם אויך געפעלען, ער וויל אפילו עפּעס מעהר נדן, ווי מיין טאָכטער האָט, אָבער, אַז ס'איז געפעלען, איז דאָך שוין אַנדערע רייד. בקיצור, די אונטערשטע שורה, ס'איז ביי זיי געווען מיט מזל חתונה... און דאָס יונגע פּאָר'ל איז מיט מזל אוועקגעפאָהרען קיין וואַרשע, וואו ער האָט געהאַט די שטעלע... געווים רעדט זיך דאָס גיכער, ווי עס טהוט זיך, אָבער די אונטערשטע שורה איז אַזוי... און איך, נאַרישע יודענע, מיין, אַז איך דאַרף שוין גייהען זעק אויף נחת קלייבען, וואָס הייסט, אַ טאָכטער חתונה געמאַכט! און וואָס פאַר אַ טאָכטער: אַ פּאַרשוין! אַ בילד! אַ בירליאַנט! הכלל איך בעקום דאָס ערשטע בריוועל — גוט! געדונגען אַ דירה'לע, געקויפט מעבעל — גוט! מיט איין וואָרט — מען מאַכט אַ לעבען מיט לייטען גלייך! אַ צווייטעס בריוועל, אויך טייערע נייעס, דער מאַמעס הארץ וואַקסט!... ביז מ'האָדעוועט אוים אַזאַ טאָכטער. אַליין אָהן אַ מאַנסביל... מיט דער איינגענער האָרעוואַניע. נו, וואָס איז צו ריידען... בקיצור, די אונטערשטע שורה: ס'איז נישטאָ אַ וואָך קיין בריוועל, צוויי און דריי און פיער! אַ דעפּעש קלאַפּען, איז נישטאָ דער האַלבער רובל — נישט קלאַפּען, שפּאַלט זיך דער מאַמעס קאָפּ!... בקיצר, דאַנקען גאָט, זיך דערוואַרט! אַ בריוועל: טייערע מאַמינקע, אַזוי און אַזוי, ער איז קראַנק געווען... אַ זאַפּאַליענע אויף די לונגען. גוט, מיר איז פרעהליך! פערקרענקט דאָס ביסעל געלד... נו פערקרענקט, פערקרענקט — טראַכט איך מיר — וועלען זיין ביינער, וועט זיין פלייש... וועט ער לעבען, וועט ער פערדינען... קומט אָן נאָך אַ בריוועל. בקיצור, ס'איז אַ סך צו דערצעהלען: ער איז געזונד געוואָרען פון דער זאַפּאַליענע אויף די לונגען, איז

שוין דאַנקען גאָט גענוג, אָבער איז מסתמא ניט גענוג און עס פערגלוסט זיך דעם דאָקטאָר — ער האָט דאָך אָבגענומען עטליכע צעהנדליג קערבליך, וואָס די טאָכטער האָט געביך דאָס גאַנצע לעבען געקליבען פון דעם נאָדעלע... א וועש־נייהטעריןְ געוועזען... יאָ, וויל זיך דאָך דער קלוגער דאָקטאָר ווייזען וואָס ער קען! האַ? וואָס? ווען? פון וואָס איז די מאַמע זיינע געשטאָרבען, פון וואָס די באָבע, פון וואָס דער זיידע און דער עלטער־זיידע?... און צום אומגליק דאַרף די מאַמע זיינע גראָד טאַקע שטאַרבען פון סולאַטע... נו, איז גענוג, דער דאָקטאָר האָט דאָס דערשמעקט און מעהר דאַרף ער נישט! „אַזוי און אַזוי, איהר מוזט האָבען אַ דאַטשע, אַ סאָסנאָווען וואַלד, מילך און אייער... ווער קען אויסדערצעהלען! און ער, דער איידעם, קריגט גרוים שרעק.... מיינט, אַז די נשמה קריכט שוין, שונאי ישראל, אַרוים, און וואָס מיינט איהר? (זי שפּאַרט אונטער מיט'ן האַנד די מאָרדע) וואָס מיינט איהר, ער איז נישט אַוועקגעפאָהרען און נאָך אין אַ פּענסיאָנאַט, אָדער וועער ווייס ווי דאָס רופט זיך!... און זי, מיין טאָכטער, וואָס זאָל זי טהון, איז זי אַ פער'חשכ'טע געקומען צו דער מאַמען אויף קימפּעט... און אָט איז אייך נחת. האָב איך, אַזוי ווי מען זאָגט, געלאָזען זיך איינרייידען און גענומען דעם צעטעל... אפשר... אויף מיין טאָכטערס מזל. איהר מזל איז דאָך נאָך פאַר איהר... זי איז נאָך יונג...

די צווייטע יודענע: עט... מיין פריינד, יעדערער מיט זיין פּעקעל צרות און וועלכער איז שווערער, ווייס קיינער נישט, ווייל אַז מען וואָלט אַרויסגעהאָנגען אַלעמענם, וואָלט זיך יעדערער געחאַפּט פאַר זיינעם.

חיים: אַנ'אַלטער כלל...

זעליג: אַנ'אַלטער! (פערהוסט זיך)

(עס קומען צולויפען ברייַנדעל מיט עטלען, נאָך איהר שטופּען זיך אַריין ווייבליך און מיידליך, הערען די נומע־ן פון די געווינסען).

זעקסטער אױפטריט.

בריינדעל: (קוים אָבחאַפּענדיק דעם אָטעם) טאַטע, אָט איז דאָס בלאַט, איך האָב עס אָהן דיר נישט געוואָלט עפּעֶ־נען ... איך האָב זיך געשראָקען ... אַ געלעכטער, כ'לעבען, עטיל האָט געבעטען—עפען, עפען — און איך, ניין און ניין. אין דער היים.

(אַלע צושטעלען זיך אַרום חיימען, וואַרטען אומגעדולדיג פיבער־האַפט)

חיים: (שטעהט אין מיטען שטוב, רופט אויס די געווינ־סען) 200 טויזענד רובל האָט געוואונען דער נומער 12380 (אַלע לאָזען אַראָב די קעפּ, געדענקענדיג קלאָר זייערע נומערן)

אַלע: (אין איין קול): ניין!

חיים: פיער טויזענד האָט געוואונען נומר 9873.

עטיל: (גיט אַ שרעקליכען געשריי) איך!

אַלע: דו? דו?

עטיל: (נעהמט אַרויס איהר נומער, ווייזט איהם חיימען)

חיים: ניין. ביי דיר איז גאָר 8917. (אַלע צופריעדע־נע, בערוהיגט לאַכען)

חיים: אַכט טויזענד האָט געוואונען — דער נומער 17430.

די צווייטע יודינע: איך, איך! (זי ווייזט איהר נומער, וועלכער שטימט ווידער נישט. אַלע לאַכען)

חיים: אַכצעהן טויזענד האָט געוואונען 12360.

(אַלע שווייגען)

חיים: קיינער נישט?

אַלע: (בייז אומגעדולדיג) קיינער נישט...

חיים: צוואַנציג טויזענד האָט געוואונען דער נומער 14218.

(ווידער שווייגען אַלע)

חיים: נו ווער?

אַלע: קיינער נישט.

חיים: (צוטראָגען) וואָס הייסט קיינער נישט... איך האָב געהאַט דעם נומער. (חאַפּט שנעל דאָס טאַשען־טיכעל, זוכט.

די אַלע, וואָס שטעהען, קוקען איהם נאָך מיט צופלאַמטע, דור־שטיגע אויגען).

ח י י ם: (גאַנץ שטיל, ווי ער וואָלט זיך געפיהלט שולדיג) מאַלבאַנם האָט געוואונען... מאַלבאַנם...

א ל ע: (אין איין קול) מאַלבאַנם דער גביר, איי, איי! (בלאַסע, פערצווייפעלטע שטעהען די אַלע, וואָס האָבען זיך צונויפ־געקליבען און ריהרען זיך ניט).

עס קומט אַריין פון צווייטען חדר דבורה.

ז י ב ע נ ט ע ר א ו י פ ט ר י ט.

ד ב ו ר ה: (גיט אַ ווילדען פערגאַלטען געלעכטער. מיט צונויפגעלעגטע הענד אויפ'ן האַרצען, געהט זי צו חיימען) חאַ־חאַ־חאַ, דו גרויסער שלימזל, דו האָסט גענומען פאַר אַ שותף מאַל־באַנם גרויסען מזל! חאַ־חאַ! איהם ביסטו געגאַנגען צעטלען פערקויפען!...

ב ר ײַ נ ד ע ל: (מיט האַס) לאַכט ניט אַזוי און שרייט ניט אַזוי! דער טאַטע פ... ...ט אַלעמען צעטלען און ווער עס גע־ווינט, געווינט... פערשטעהט איהר, וואָס מען רעדט מיט אייך?

ח י י ם: (ווי ער וואָלט ווּעלען בערוהיגען דבורה'ן) נאַרעלע, איך וועל חאָטש האָבען פראָצענטען... (קוקט די איבריגע נומערן): די איבריגע זענען קליינע געווינסען. נאָר קרנ'ס!...

די ווייבער שטעהען שטומע, פערצווייפעלטע... זעליג איז בלייך און שטיל...

(דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם...)